STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07282

IN GEROYSH FUN BEYMER

Charles Worotisky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. וואראטיצקי

ח. וואראטיצקי

אין גערויש פון בייכער

לידער

אַרויסגעגעבן פון
ח. וואראטיצקי־בוך־קאָמיטעט

ניו־יאָרק 1971 — תשל"ב

AMONG THE RUSTLING TREES

POEMS

Copyright 1971 by

CHARLES WOROTISKY
(WOROTINSKY)
130 Colombia Street
(Apt. 9C)
New York, N. Y. 10002

Printed in the U.S.A.

וועגן דעם מחבר און זיין בוך

דער מחבר פון אָט דער לידער־זאַמלונג ה. וואראטיצקי (באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען טשאַרלס וואראטינסקי) איז געבוירן אין אַ דאָרף בורמאק, גראָדנער גובערניע און אויסגעוואַקסן אין אַדאַמאָווער וואַלד, אין דער משפחה פון אַ וואַלד־סוחר. זיין פאָטער ר׳ אפרים־בצלאל און זיין מוטער פראַדל זיינען געווען יידיש טראַדיציאָנעל, אָבער אין אַ סך פּרטים אויך מאָדערן. ה. וואראטיצקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1921 און דאָ געאַרבעט ביי פאַרשיידענע אַרבעטן. שפּעטער זיך אויסגעלערנט מוזיק און ביז איצט שפּילט ער אויף פאַרווײלונגס־אונטערנעמונגען קלאַרנעט און אקאָרדיאָן.

ה. וואראטיצקי האָט זיך באַוויזן מיט לידער אין דער היגער יידישער פּרעסע מיט איבער פערציק יאָר צוריק. ער האָט זיך געדרוקט אין דער פרייע אַרבעטער שטימע, די פעדער, אַרבעטער־סטודענט, וואָכנבלאַט, אידיש לעבן, מאָרגן זשורנאַל און אַנדערע יידישע אויסגאַבעס דאָ אין לאַנד ווי אויך אין אַרגענטינע.

אָנגעהויבן מיט סאַטירישע צייט־לידער אונטער אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע שפּיציקע פּסעוודאָנימען ווי יאַט־עבעדאַם, אומגליק־לאַכער און ענלעכע צו דעם פען־נעמען, האָט ער פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט אויך לירישע לידער; ער האָט זיינע ליטעראַרישע אויפטריטן אַליין ניט ערנסט באַטראַכט, און, ווי דער שטייגער ביי אונדז, איז ניט געווען ווער ס׳זאָל אים פירן אויפן ריכטיקן וועג.

די לידער וואָס קומען אַריין אין דער דאָזיקער זאַמלונג זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן פון פאַרשיידענע אויסגאַבעס. זיינען צונויפגעקליבן געוואָרן אָבער ניט אָפּגעקליבן געוואָרן. ביי אַ שטרענגן אָפּקלייב וואָלט דעם מחברס אינדיווידואַליטעט זיך אויסגעטיילט מיט מער העלערע פאַרבן.

אָבער אַזוי צי אַזוי, דעם מחברס וואָרט לאָזט זיך דערקענען, — באַזונדערס אין זיין טעמאַטיק. זיינע לירישע לידער זיינען ניט וועגן שטעטל און איינגעהויקערטע הייזקעלעך, נאָר וועגן נאַטור, וועגן דער רוסישער נאַטור, באַזונדערס וועגן דעם רוסישן וואַלד — די שלאַנקע סאָסנעס, די מעכטיקע דעמבעס, די בעריאָזעס און די וואַלד־געוויקסן אין בלי און אין וועלק, אין זון און אין ווינט, אין רעגן און אין שניי.

די לידער זיינען נאָסטאַלגיש, אָבער זיי פאַרמאָגן אויך אין זיך אַ סך געזונטקייט און דערמוטיקנדיקס. עס פילט זיך אין זיי די עכטקייט פון אַ נאַטור־מענטש.

נאָך שפּיר איך די ריחות פון ביימער סאָסנאָווע
און בין נאָך פאַרוואָרצלט אין היימישער ערד;
ווי קאָן איך פאַרגעסן אָן דיר אַדאַמאָווע,
וואו איך האָב דאָס רוישן פון וועלדער געהערט?

אָט מיט די שורות עפנט זיך די זאַמלונג אין גערויש פון ביימער, אַ נאָמען וואָס גיט איבער, אגב, אויפן בעסטן אופן דעם תמצית פון ה. וואראטיצקיס לידער.

אין דער זאַמלונג קומען אויך אַריין צייט־לידער: שפּיזיקע גראַמען וועגן היטלערן, סאַטירישע טאָג־לידער, לידער וועגן ישראל א״אַ. דאָ הערט זיך אַן אַנדער קול, דער קול פון דעם וואָס זאָגט וועגן זיך: „איך וואראטיצקי, דער מלחמה־פּאָעט״. דאָ זיינען אַנדערע טעמעס און דאָס זיינען אַנדערע לידער.

די אויסגאַבע איז פאַרזאָרגט מיט אַ בילד פונעם מחבר, וואָס האָט אַ מערקווירדיקע געשיכטע. דאָס בילד איז פון אַן אַלטן נומער מאָרגן זשורנאַל פון יוני, 1962, אילוסטרירט צו אַן אַרטיקל אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז ה. וואראטיצקי האָט אָפּגעשריבן פאַרן יונייטעד דזשואיש אַפּיל אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם וואָס ער פאַרמאָגט. אויך דאָס לאָזט אונדז עפּעס צו הערן וועגן דעם מחבר.

ה. וואראטיצקי־בוך־קאָמיטעט

אינהאַלט

אין גערויש פון ביימער

אַדאַמאָווע, מיין היים 11
„אַלטע מילן״ 12
וואַלד־פרימאָרגן 13
אָנקום פון ווינטער 13
ווינטער אין מיין אַלטער היים 14
מ׳האַקט דעם וואַלד 15
פרילינג אין וואַלד 16
שטורעם אין וואַלד 17
פאַרוועבט אין יאָרן 18
כ׳זע אויפסניי 18
איך האָב מיט טרוים 19
טעג וועלן קומען 19
שטומע וויזערס 20
ס׳הענגען וואָלקנס 20
ביים ערשטן טרעפן... 21
כ׳וואָלט ערגעץ געגאַנגען 21
אַ פויערשע לוויה 22
סאַראַ שטורעם, סאַראַ וויכער 22
די וועלט איז גרויס 23
אַ וועלדעלע אין געוויטער 24
מיין גן־עדן אויף דער ערד 25
סודות, סודות... 25
ביי מיין פענצטער שטייט אַ ביימל 26
אין גרויסשטאָט 27
אַ בראָדיאַגע 28
אַ קינד פון פאָלק 28
טאַנץ־זאַל 29
אין וואַלד נאָך שוואַמען 30
זומער 31
שטערן און מענטשן... 31
שפעט אין האַרבסט 32
צו מיין ליד 32
פאַרביי איז דער זומער 33
צו דער מוראַשקע גיי, פוילער 34
בין איך פריילעך 35
כ׳האָב צעזייט מיינע טעג 35
נאָך געדענק איך די נאַכט 36
אַ בריוו 37
דער ווינט צעטראָגט 38
איך זינג און איך טרויער 39
ס׳ווילט זיך באַגריסן 39
אַ שטערנדל רעדט צו מיר 40
בלוי און מילד 40
איך זינג מיט פראָסטן לויב 41
קריטיקער, דיכטער, לעזער 41

ביינאַכט ביים ים 42
רוף פון פרילינג 43
מאַי 44
אַוועק פון דער היים 45
נאָך הער איך דעם קלאַנג 46
אַליין אין דער נאַכט 47
ביינאַכט אויפן בית־עולם 48
שעה נאָך שעה 48
צו מיין פאָלק 49
דאָס העזעלע 50
אין שענק 51
איך בענק 52
מיין ליד — פאַר אַלעמען 52
אויף דער וואָך 53
אַ חלום אַזאַ 54
אין אונדזערע הערצער 54
צו אַ גרויסהאַלטער 55
מאָנומענטעלעך פון שטויב 56
מיין שטעטל 56
כ׳האָב אַ וועלט דערזען 57
כ׳מוז וואָגן 58
צום היינטיקן מענטש 59
די ליבע ווערטער 60
מיר זיינען גלייך 61
דער טויער פון לעבן 61
דער סוד פון לעבן 62
דער ריטער 62
ווי קענסטו? 63
פון פראָנט אַהיים 64
זאָגט מיין פילאָזאָף 65
ווי וואויל איז 66
דאָס וואָרט 67
ערגעץ רוישן נאָך וועלדער 67
דאָרט וואו איך בין געבאָרן 68
אין קעסל־גרוב 69
אויב זינגען זאָל זיין געזונגען 70
אַ פאַרבער ביי אַ כוסה 71
עס וועלקן גאָלדיק די טאָפּאָלן 72
אונדזער הויז 73
כ׳בין אַלץ פאַרליבט 74
דער אָדלער 74

מלחמה

הערט מיך אויס 77
צער פון אַן אייגענעם נאַר 78
שלום־שאַנדע 78
מער מאַטאָרן 79
דרך ארץ פאַר קאָלומבוסן 79

ווי לאַנג ... 80
עד בערעלע, דו בערל ... 80
איך פריי זיך ... 81
גענאָסע טהאָמאָס פּריידיקט ... 81
צום פּאַסיפיסט ... 82
פלאַקער, פייער! ... 82
אַ „ברכה" צו קאָגלין ענד קאָ ... 83
אין אַ מזלדיקער שעה ... 84
עס קומט זיי! ... 84
„קיפּ איט פלייאינג" ... 85
אַ פּסחדיקע תפילה ... 85
היטלער נעבעך! ... 86
אין קריג מיט די הונען ... 87
באַגראָבט זיי רייענווייז ... 88
צו די פירער און זייערע פערד ... 89
היי, בערלין! ... 89
מאַרינאַד פון פיש־„מיקאַד" ... 90
מכות אויף מכות ... 90
לויפן דאַרף מען קענען ... 91
דאָס נייעסטע וויג־ליד ... 92
אין אונדזערע טעג ... 92
זיין „צוקונפט" ... 93
אין יאָר 1914 ... 93
ר׳ בערל ביי דער אַרבעט ... 94
אַז קלאַפּן זאָל זיין געקלאַפּט! ... 95
די בעסטע סחורה ... 96
„יונייטעד ווי סטענד" ... 97
„בליץ"־סך־הכל ... 98
צו דזשאָן בול ... 99
היטלערס זיג ... 100
אין אַרגענטינע ... 100
צום „הייל היטלער" ... 101
אונדזער כוח ... 101
צו אַ פרוי ... 102
צום יענקי־זעלנער! ... 103
צום שלאַכטסמאַן ... 103
„ווייסער ברויט" ... 104
האַראַקיריס גן־עדן ... 105
דער מאָדערנער פּאָעט ... 106
מלחמה ... 107
הייסע קרעמניעס ... 108
די לאָזונג פון טאָג ... 109
דער קינצלער־קאַנצלער און דער לייב ... 110
„גוד ביי" צום לעצטן פּאַסיפיסט ... 111
פראַקטיש גערעדט ... 112
זוכט ניט קיין מציאות! ... 113
גדליה אין דער וואַקכאַנאַליע ... 114
דער טריפהער שופר ... 115
צו אַ דיקטאַטאָר ... 116

גלייב זיי נישט 117
פאַר דעם בלוט פון מיינע ברידער 118
די זעקס־טאָגיקע מלחמה 119
פון דעם זאָלן מיר איצט זינגען 120

געטראַכט און געזאָגט

מיין צווייטער איך 123
קאַמף אויף קאַמף 124
דער רעצעפּט 125
צו דער מוזע 126
צו די „חברים" 126
אייביקער גראַם 127
דער זעלביקער נאַר 127
קונסט 128
די זאָזוליס 128
קונסט־טעאַטעריי 129
קריג און פרידן אויף יוניאָן סקווער 130
ביי מיר אין גאַס 131
אין דער וועלט פון פליטער־פּלאַטער 132
לכבוד פּסח 133
צו איינעם אַן עסטעט 133
גאָט העלף אונדז וואָס גיכער 134
פּאָעמעס און אמת 134
מה זאת לנו? 135
דער שד 135
דער אמת 136
אַ שמחת־תורה־ליד 136
אין פיר שורות 137
וואו זייט איר, הערשער? 138
ווי ס'באַדאַרף צו זיין 139
אַנקל סעם זינגט 139
דאָס אייביקע פליען און פאַלן 140
איזם־שיזם, פריילעך, האָפּ! 140
לייט פון דער צייט 141
ווער איז ווער? 142
דער צעטומלטער משורר 143
אַ לעקציע פאַר זיך און פאַר יענעם 144
צו די „ריינע" קינסטלער 145
גיט אַכטונג 145
לאָמיר וויסן 146
פילאָזאָפיש גערעדט 147
מיין טעמע 148
וועגן קונסט 149
ווען דער מאַן שאַפט אַמוניציע 150
געבעט 150
שטייט אַ דעמב ווי אַ גרינע כמאַרע 151
זינג, מיין האַרץ 152
מיין העלד 152

אַ תפילה 153
ווי זאָגט רייזען 154
קשיות פון אַ גאַנץ יאָר 155
אַלץ וואַקסט 156
אין די יקרות־טעג 157
הינטעלע, הינטעלע 158
איך קען זיי, די רוחות 159
וואָס ווילן זיי? 160
דאָס מאָל — איך נעבעך 161
אין געפּעכט מיט דעם שיינעם געשלעכט 162
אונדזער קליינע אימפּעריע 163
ראָמאַנטיש 164
נישט אַלץ איז קודש 164
מיין ווייב איז „אָקעי", נאָר מיר איז אַך און ווי 165
איך ליב דיך, מענטש 165
פון טויזנט איינע 166
דער מענטש פון היינט 167
אינעם „שטעטעלע" ניו־יאָרק 168
דו פרעגסט 169
קאַרטאָפל־סעראַנדע 169
וועגן וועטער — אַנטשולדיקט 170
דער ראַדיקאַלער קאַרוסעל 171
דעמאַגאָגיע 171
די קומענדיקע וועלט 172
צי געדענקסטו? 172
לערנער האָבן מיר 173
ערשטער מאַי 173
אַ טיפּ אַזאַ 174
שלום 174
דעם פאַלשנס נעצן־שטריק 175
דאָס הייליקסטע צעטראָטן 175
שאָטנס קומען, שאָטנס גייען 176
ערב וועלט־מלחמה נומער דריי 176

אין געררויש פון ביימער

אַדאַמאָווע, מיין היים

נאָך שפּיר איך די ריחות פון ביימער סאָסנאָווע
און בין נאָך פאַרוואָרצלט אין היימישער ערד;
ווי קאָן איך פאַרגעסן אָן דיר, אַדאַמאָווע,
וואו איך האָב דאָס רוישן פון וועלדער געהערט?

וואו איך האָב דאָס צוויטשען פון פייגל פאַרנומען,
ס'געוואָי פונעם וואָלף אין צעשויבערטע נעכט,
דאָס בילן פון יאַגד־הינט מיט יעגער, וואָס קומען,
דעם עכאָ פון דונער און בליצן־געפלעכט,

און אָפט אויך דעם צאָרן פון ווינט און געוויטער,
וואָס שליידערן אוראַלטע ביימער צו דר'ערד;
דאָס הילכן פון העק און פון צווייגן־געשפּליטער,
דעם סקריפּ פונעם ראָד און הירזשען פון פערד;

דעם ליאַרעם פון פויערשע שטימען באַסאָווע,
דעם קלאַנג פון פאַדקאָוועס אינעם שפּרונג פון גאַלאָפּ,
ס'צעצויגענע פייפן פון בייטשן יאַדלאָווע,
ס'געזונטע געלעכטער פון שיקסע און כלאָפּ.

איז בענק איך נאָך דיר איצט, מיין היים אין די וועלדער,
און זע דיך פון ווייט אַזוי דייטלעך און קלאָר,
ווייל שווער איז מיין לעבן אין אַ וועלט אַ פאַרשטעלטער,
וואו כ'בייט אוים אויף עלנט אַ יאָר נאָך אַ יאָר!

◆

„אַלטע מילן"

דערפֿער — איינס נישט ווייט פֿון אַנדערן,
„אַלטע מילן" רופֿט מען זיי;
צו זיי פֿלעג איך אַלס יינגל וואַנדערן
גלייך מיטן שאָסיי.

סלופּקעלעך ווי שוואַרצע ראָבן
פֿון ביידע זייטן אויסגעשטעלט —
רעכטס צום דאָרן אַ פּליעסניאַק־גראָבן,
לינקס — אַ גרין צעצוויטעט פֿעלד.

זיינען זאָרגלאָז טעג פֿאַרגאַנגען.
נאָכט קיין שטיף־מאַמע ז׳געווען.
קינדער־גלויבן, לוסט, פֿאַרלאַנגען
האָבן צעפֿלאַקערט זיך אין פֿולן ברען.

אויך זאָרגלאָז האָט דער טייך געפֿלאָסן
אויף מיילן ווייט ווי בלאַנקער שטאָל.
ווער ס׳האָט פֿון „יאַסעלדע" גענאָסן
וועט נישט פֿאַרגעסן זי קיין מאָל.

אַ לאָדקע שטייט. איך צעעפֿן שלעסער
און טו די הענט נאָר אַ צעפֿיר.
טייך איז גרויס, בלאַנקט ווי אַ מעסער
און ס׳בלאַנקט אויך דאָס לעבן אַרום מיר.

◆

וואַלד־פּרימאָרגן

כ׳האָב געהערט די פייגל זינגען
אין דער בלויקייט פון פאַרטאָגן.
כ׳האָב געזען ווי צווייגן הענגען
אין פרימאָרגן אויסגעצוואָגן.

כ׳האָב געזען פון גאָלד די שטראַלן
ברעכן דורך זיך בלעטער גרינע, —
אינם פליוסק פון קלאָרע קוואַלן
ליכט און שאָטנס זיך געמיניעט;

כ׳האָב געהערט דעם וועוורקעס שפּרינגען
און דער קוקום ווייכע רופן,
גלייך עס וואָלטן זילבער־רינגען
זיך געקייקלט אין דער לופטן.

אין דעם ווייכן שאָרך פון גראָזן
ס׳פאַרביק ליד פון ווילדע בליטן —
אָט די היים האָב איך פאַרלאָזן
און אויף שטאָט פון שטיין פאַרביטן.

◆

אָנקום פון ווינטער

ווייסע פעדעמלעך אין רוימען
פלאָנטערן זיך אָן אַ ציל,
פייגל זוכן נייע היימען —
שוין פאַרביי דאָס זומער־שפּיל.

יונגע ווינטעלעך און פרישע
קומען מחנותווייז אויף רויב,
פלינדערן דעם וואַלד און מישן
גאָר די לופט מיט בלעטער־שטויב.

און אַ ראָב אַ קדיש קראַקעט
אויפן זומערס יונגן טויט.
באַלד — דער וואַלד וועט ווערן נאַקעט
אויסגעטאָן פון גרינעם קלייד.

ווינטער אין מיין אַלטער היים

.1

דער וואַלד שטייט פאַרגליווערט, ווי אין פוך איינגעהילט.
די צווייגן באַלאָדן מיט שנייאיקע קנוילן.
אַן עכאָ קלינגט אָפּ דורכן וואַלד און פאַרגייט,
און ס'הערט זיך דאָס סקריפּען פון שליטנס און זוילן.

„אַנו! אַנו!" — שרייט אַ פּויערל אויס,
און כוואָשטשעט, אָן אויפהער, דעם פערד מיטן קנוט —
„נו, קריך זשע, נבלה, נו, שלעפּ זיך אַרויס,
דו וועלפּישע פעל, אַך, דו הינטישע בלוט!"

עס ציען זיך שליטנס מיט געהילצן פאַרביי,
דער פראָסט שפּריצט מיט שטעכיקע העל-בלויע פונקען;
עס סאָפּען די פערדלעך און שלעפּן געטריי,
די קעפּ ביז די קנעכל פאַרזונקען.

און סאָפּענדיק שווער, זיי באַשמעקן די טאָרבעס,
און שפּירן נישט ווייט ערגעץ דאָרט איז די היים;
אָט איז שוין דאָס טייכל, דאָס בריקל, די ווערבעס,
אָט זיינען די שטאַלן, די כאַטעס פון ליים.

„אַנו!" — שרייט דאָס פּויערל, לעבעדיק, אויס,
פאַרקערעוועט לאַנגזאַם אַראָפּ פונעם טראַקט;
און שפּרייזט אַזוי האָפּערדיק פאָרויס און פאָרויס
ביז פאָדקאָוועס קלינגען אָפּ שטילער צום טאַקט.

.2

ס'זעט זיך עפּעס, ווי אַ סימן
פון אַ שליטן ווייט;
און עס הערט זיך פון דערווייטנס
ווי עס ברעקלט שניי און שניידט.

זעכצן ביימער, זעכצן ריזן,
פריש געהאַקט פון וואַלד;
— נו פגירה, קריך שוין ווייטער,
וועסט שוין רוען באַלד!

אויסגעהויקערט איז דאָס פערדל,
לאָזט אָזש וואָלקנס דורך דער נאָז;
— קריך זשע ווייטער, שלעפּ, נבלה! —
ס׳קנאַקט דער שליטן ווי אויף גלאָז.

איינגעהילט אין פעלץ און ווייסן,
ווי פון פּאַטליעס שניי געוועבט,
שפּרייזט דער פויער נאָכן שליטן,
צופּט די באָרד פון פראָסט פאַרקלעפּט.

ס׳קרעכצט דער שליטן אונטער משא,
קעמט און פרעסט דעם קלאָרן שניי;
און פאַרלירט זיך אין דער ווייסקייט
קוים וואָס ס׳זעט זיך פלעקן צוויי.

◆

מ׳האַקט דעם וואַלד

ביימער קרעכצן, צוויינגן טרעשטשען,
מ׳האַקט דעם וואַלד פון פרי ביז נאַכט;
אויף אַן אַלטן סאָסנע־בוים דער פּיקהאָלץ
זיצט און לויערט מיט פאַרדאַכט.

ס׳קלאַפּן העק און זעגן זינגען,
און דער וואַלד ער ברומט, ער רעדט.
זעגעכץ שנייעט, שפּענער שפּרינגען —
ווערק פון אייזן שפּילט קוואַרטעט.

קומען פורן אַן צו פאָרן,
קנאַקן צווייגלעך אויף דער ערד;
רעדער קנעטן בלעטער, שישקעס,
צווישן קוסטעס בראָדיען פערד.

וואָגנס ווערן פלינק צעצויגן —
מ׳פירט געהילץ פון וואַלד אַרויס.
ס׳הילכט און שאַלט אַרום געפּילדער,
מ׳האַקט דעם לעצטן בוים באַלד אויס.

פרילינג אין וואַלד

די ערד צעגרינט דורכוים,
דער הימל — לויטער בלאָ;
אַ העזל שפּרינגט פאַרוים
און האָפּ! — איז שוין ניטאָ.

אַ שלענגל זוכט זיין רויב
און ווייכט די ליכט פון זון,
און ס'לויערט נאָך אַ טויב
אַ טונקעלער קאַרשון.

אַ יעגער קומט מיט הינט,
אַ פיקסל וואַכט אויף שנעל
און עס פלאַטערט, ווי דער ווינט,
די שרעק אין פוכקן פעל.

אַ קליינטשיק פייגל שפּרינגט
און פאַלט צוריק אָן מאַכט,
דער וואַלד וואַכט אויף און זינגט,
דער הימל שטראַלט און לאַכט.

אַ פּיקהאָלץ קנאַלט און קנאַלט
אַן אַלטן בוים אין קאָפּ,
און פריילעך זינגט דער וואַלד,
און מעכטיק הילכט אַלץ אָפּ.

שטורעם אין וואַלד

עס קרעכצט דער וואַלד
און בייגט זיך טרעשטשענדיק אַראָפּ,
אַ בליץ צעשפּאַלט אַ וואָלקן־קייט
און טרייבט אין אייזערנעם גאַלאָפּ
אַ דונער קראַך!

דער וואַלד כאַפּט אויף אַיעדן קלאַנג
און צעטראָגט עס מײלן ווייט,
אַ בליץ, אַ פייער־שלאַנג,
רייסט אוים אַן אַלטן בוים —
ער שרייט, און פאַלט ווי אָפּגעהאַקט.

עס וואַרפן זיך די ביימער אום
צעפּאַטלטע פון שרעק,
אַ פויגל הילפלאָז שרייט צעדולט,
די פליגלען אויסגעשפּרייט
צום בליץ וואָס צינדט די לופט אַרום,
דער דונער ענטפערט — טויט!

2.

ווען וואָלקנס הורבען זיך צונויף
און דונערס קראַכן אין צעלויף,
צעברויזט זיך אויך דאָס בלוט אין מיר —
איך קום מיט אַלץ דאָן אין באַריר;

איך שפּיר אין זיך אַ נייע קראַפט
אַ ברויזנדע; איך שטיי פאַרגאַפט
און רעד צום בליץ: צערײס ס׳געוועב,
וואָס וויקלט מיר ווי שוואַרצער קרעפּ.

ווען ווינטן וואָרצלען ביימער אוים
דאַן וואַקסן דוכט מיר פליגלען אוים,
איך הייב זיך אין די הויכן אויף!
ס׳איז שטורעם בלויז וואָס גיט מיר פרייד,
אין שטילקייט כאַוועט זיך דער טויט
און דערמאַנט מיך אין מיין סוף...

פאַרוועבט אין יאָרן

פאַרוועבט אין יאָרן נעכט מיט טעג
דער אומעט עסט זיך איין ווי וואונדן;
און פרעגט אָן אויפהער: וואָס איז דער צוועק?
און: וואוהין לויפן זיי, די שטונדן?

גרויער ווערט מיין לעבן טעגלעך,
כאַטש מיין עלנט כ׳באַט נישט אָן דער וועלט;
מיין פרייד זי העלט צומאָל אויף קלעגלעך,
ווי אַ בלום אויף אַ בית-עלמין-פעלד.

אין טונקל בליצן אויף זכרונות,
ווי פונקען איינגעהילט אין רויך.
עס ווילט זיך אויספּלאַצן און וויינען:
— אַ צייט, פאַרשווינד ניט אַזוי גיך!

נאָר דער זייגער הערט ניט אויף צו שטעפּן
און ברעקלט פּיצלעך לעבן אָפּ.
כ׳מוז גיכער שטעפּן, שטעפּן, שטעפּן
פאַר דער גאַנצער וועלט איין גאַרדעראָב.

◆

כ׳זע אויפסניי

טריבער, טריבער אָסיען-רעגן,
ברענגסט מיר גרוסן פון דער היים;
כ׳זע אויפסניי באַקאַנטע וועגן,
כאַטקעס אויסגעשטעלט פון ליים.

הער איך רעדער אויף די וועגן
סקריפּען, פּליוסקען זיך אין קויט;
איבער דעכער פּאַטשט דער רעגן,
שיט אין רינוועס הויפנס שרויט.

◆

איך האָב מיט טרויס

פראָסט, פאַרקריך אין מיינע בלוטן,
מעגסט שוין אייביק זיין מיט מיר;
מיינע טרוימערשע מינוטן
פאַרקיל זיי און פאַרפריר.

און זאָל קיין זכר מער נישט בלייבן
פון אַלץ וואָס ליגט אַהינטערוועגס,
זאָלסט ווי נישט-גוטע זיי פאַרטרייבן
אין אַ וויסטן העק.

איך האָב מיט טרויס געגנוג געגערט זיך
און אָפּט אויך וואונדן זיך פאַרשאַפט;
דאָך נישט געמינערט ווערט, נאָר ס'מערט זיך
דער מאָנסטער מענטש, די בייזע קראַפט.

אויך נישט געמינערט ווערט דאָס ליידן
פון מענטש דעם עלנדן אויף דר'ערד.
זעט אוים דעם לעבנס-וועג אַנטשיידן
איז אויך אונדזער טרוימער נישט באַשערט.

◆

טעג וועלן קומען

אַן איינזאַמקייט וועט אַנקומען מיטאַמאָל אויף מיין לעבן,
ווי אין האַרבסטיקע טעג אַ שפריי דריבנער רעגן;
און טעג וועלן קומען אי כמורנע אי נודנע,
ווי פייגלעך אויף פעלדער פאַרלאָזענע, בלודנע.

חרטה וועט אויפשטיין און מורמלען אין אויער,
ס'דערהרגעט דיין יוגנט אין פוסטע חלומות;
און ברענגען זכרונות פיל ברעקלעך פון פריער,
ווי אותיות פאַרמעקטע אויף צעריסענע שימות.

דאָס בלוט וועט אַ שפּיל טאָן און פאַלן צוריק
ווי אַ ניט-דערשאָכטענער עוף, וואָס פלאַטערט צו דר'ערד.
און טעמפּ וועט שוין בלייבן אויף אייביק מיין בליק
און ווי אַ חורבה וועט ווערן מיין לעבן צעשטערט.

שטומע ווייזערס

שטומע ווייזערס, שטומע ווייזערס,
שטומערהייט איר ציילט און ציילט.
קיין רגע קיינעם איר פאַרציילט.
אַ, וויפל לעבנס איר פאַרצערט.

אַרום אונדז פינצטערט, צי עס ליכטיקט,
אייער וועג איז אייך מער וויכטיק
ווי אונדזער נעבעכדיקע פרייד.
טיק־טאַק אייביק אָן אָן אויפהער,
פאַרבאַרגן אַהינטער בלאַט פון ציפער,
טאַנצט אויף רעדלעך אום דער טויט.

ווייִן נישט מער, אומזיסט דאָס קלאָגן —
ס׳איז פון אייביק אָן געווען אַזוי;
די וועלט — איין גרויסער טויטער וואָגן
פאַרנעמט אונדז אַלע ריי נאָך ריי.

און מיר ווי קינדער נישט־דערפאַרן,
מיט חלומות טראָגן מיר זיך אום,
ביז דער טויט וועט אונדז פאַרנאַרן
אין אַ בערגל קאַלט און שטום.

◆

סיהענגען וואָלקנס

ס׳הענגען וואָלקנס פאַר מיין פענצטער,
איך אין הויז — אַ שאָטן שטום;
דרויסןביימער ווי געשפענסטער
וואַקלען נאַכאַנאַנד זיך אום.

און עס זשומעט דער ווינט אַ ניגון
טרויעריק און מאָנאָטאָן —
ס׳איז אילוזיעס, אַלץ איז ליגן!
אוים מיט זומער — הארבסט קומט אָן!

און עס הורבען זיך שוין אויבן
וואָלקנס ווי טאַבונעס פערד;
שנייען — סטאַיעס ווייסע טויבן —
פעלצן אָן די הוילע ערד.

ביים ערשטן טרעפן . . .

די נאַכט איז טיף, און זאַט מיט שטערן,
און אַלס צוגאָב די לבנה שיינט ;
ניט־ווילנדיק הויבסטו אָן קלערן :
ווי גוט ס׳איז היינט צו טרעפן פריינט.

און לאָזט זיך איבער גאַסן שפּרייזן,
פאַרווירקלעכן דיין וואונטש אויף גיך.
ניט אַכטנדיק דעם בריאַזג פון אייזן,
הערסטו צאַרטע טענער נאָר אין זיך.

און ס׳לעבן אויף אין דיר באַגערן :
פאַרברענגען וואו אַ שעה צי צוויי ;
אַט דאָרט אַוואו מען זאָל אויך הערן
דיין וואָרט, ווען עס קומט דיין ריי . . .

נאָר ווערסט אַנטוישט ביים ערשטן טרעפן
אַ פריינט — שוין ניט געזען אַ צייט !
עס טוט זיין מויל זיך אַ צעעפן :
אַז ער נאָר לעבט, און פילט און ליידט . . .

◆

כ׳וואָלט ערגעץ געגאַנגען

כ׳וואָלט ערגעץ געגאַנגען נאָר כ׳ווייס ניט וואוהין,
און דאָ צו פאַרבלייבן האָט מער נישט קיין זין.
כ׳בין מיד פונעם טומל און ווילדן געלאַף.
כ׳האָב דאָ קיין אָפּגאַנג און בין נישט קיין שקלאַף.

כ׳וואָלט אַוועקגיין פון דאַנען ווי גאָרנישט געווען,
ווי אַ זעלנער באַפרייט צו זיין היימאַט פון פלען,
און ווי ער — צו די ליבסטע מיט פרייד דורך געווייז —
וואָלט איך מיט קושן באַפאַלן אַפילו אַ היימישן שטיין.

◆

אַ פויערשע לוויה

אויפן לאַנגן שליאַך און ברייטן
פויזעט זיך אַ פור פּאַמעלעך;
אין אַ פּעלצל אַ פאַרשנייטן
זיצט פון אויבן־אָן דער גלח —
פאַרט מקבר זיין אַ טויטן.

ליגט דער בר־מינן אין קלויסטער,
קלינגט דער דיאַק אין אַלע גלאָקן;
איז אַ פויערל אַ מייסטער,
מאַכט אַ צלם פון אַ פלאָקן.
און פון ווייסן שניי נאָך ווייסער
שטייט זיין שיקסל טויט־דערשראָקן.

קומען שכנים אויך פון ווייטן
אָנגעפּעלצט אין פּעלצן גרויסע —
ווער פון זיי דעם מת באַגלייטן
און ווער אַריינכאַפּן אַ כוסה...

און דער שניי פון אַלע זייטן
שיט זיי אָפּ מיט פוך און קווייטן,
און מאַכט זיי אויסצוזען פון ווייטן
ווי אַ געזעמל מתים.

◆

סאָראָ שטורעם, סאָראָ וויכער

סאָראָ שטורעם, סאָראָ וויכער?
הענגען כמאַרעס־שוואַרצע טיכער.
בלויז דעם בליצם צעשפּליטערט שטראַל
טוט דעם פאָרהאַנג אַ צעפּראַל.

ווער קען מיר דעם סוד אַנטפּלעקן
פון די אַלע ווילדע שרעקן?
זיי לויפן פינצטער מיר אַנטקעגן;
כ׳זע נאָר וואָלקנס, זומפּ און רעגן —
עס שיינט קיין זון פאַר מיינעטוועגן.

די וועלט איז גרויס

דער פּאַרק איז אויפגערוימט — ער בליט
אין קאָלירן אַלערליי צעהעלט.
אַ פייגעלע צום ערשטן מאָל
פּראַלט אַרויס פון נעסט און פליט,
און טרעלט און טרעלט — ליכטיק וועלט.

אַ שמעטערלינג אין „געיעג" נאָך איר
הייבט זיך אויף און פלאַטערט הויך,
צוויי פליגעלעך פון סאַמעט ווייך
פּאַכען אין דער לופטן קוים,
נישטאָ קיין כוח, נישטאָ קיין כוח.
„מיין וועלט איז שיין ביז זון פאַרגיין".

אַ בין, אין קאַראַהאָד־פלי,
פלאַטערט אום פון קווייט צו קווייט,
פון זון־אויפגאַנג ביז זון פאַרגייט
און זינגט אוים אַ לויב זיין אייגן מי:

די וועלט איז גרוים, די וועלט איז שיין,
מיין האָניק כ׳ברענג פון ווייטסטער ווייט.
אַ בינעלע, ווי איך בין קליין,
דאָך האָט מיין לעבן פול באַדייט.

אַ ווערדעלע אין געוויטער

מיין פריינט, דעם העברעאישן שרייבער שניאור זלמן אַש — אַ גרויסערביישטייערער פאַר דער נעשאָנאַל היי פיווער אַסאָסיאיישאָן.

שטייט אַ ווערדעלע און ציטערט,
הערט זיך צו צו יעדן שאָרך;
עפּעס זאָגט אים אַז געוויטער
וועט באַלד קומען; שטייט ער, האָרכט.

מיטאַמאָל אַ פייער שרינט —
אַ בליץ צעשפּאַלט אַ וואָלקן בויך,
ווי אַ פּראַכט־צוג אין דער הויך
ציען וואָלקנס זיך געשווינד.

בלעטעלעך ווי פויגל־שנאָבלען
מורמלען הילפלאָזע פאַר שרעק.
אָט וועט זיך עס באַלד צעהאָגלען
ווי שטיינדלעך פון צעפּלאַצטע זעק.

דערזעט די זון דעם ווערדלס עלנד,
שפּאַרט זי זיך דורך וואָלקנס דורך
און וואַרפט אָן אויף אים אַ העלן
אויסגעשטריקטן גאָלדן טוך.

שטייט דאָס ווערדעלע און פרייט זיך,
זינגט אָן אָדע צו דער זון,
ביז דאָס פינצטערניש צעזייט זיך
ווי בופל־אָקסן אַ טאַבון.

◆

מײַן גן־עדן אויף דער ערד

מײַן גן עדן אויף דער ערד —
צווישן ביימער זײַן אַליין,
צי ביי אַ טײַכל אויף אַ שטיין
— מײַן גן עדן אויף דער ערד.

אין אַ פרילינגס־מאָרגן פרי
זען פון נאָענט פּי;
באָרוועס אויפן פוכקן גראָז
לויפן ווען די לופט איז ראָז
— מײַן גן עדן אויף דער ערד.

קלעטערן אויף בערג געשווינד
פריי געאָרעמט מיטן ווינט;
ליגן צווישן סטויגן היי,
הערן טרעל פון סאָלאָווײ
— מײַן גן עדן אויף דער ערד.

ווי אַ פיש אין טײַך אַ שווים,
אויסזינגען דער זון מײַן הימן —
אַ גן עדן אויף דער ערד,
— מײַן גן עדן אויף דער ערד!

◆

סודות, סודות . . .

סודות, סודות. פול מיט סודות
שטייט דער וואַלד אין ווינטער־צײַט;
אַלטע דעמבעס, שטומע ציידעס
טרוימען פון פאַרגאַנגענהייט.

יונגע ביימער, דינע צווײַגן
לערנען זיך שוין דעם באַדײַט —
לערנען זיך פון ציידעס שווײַגן
און קלערן שוין פון אייביקייט.

ביי מיין פענצטער שטייט אַביימל

ביי מיין פענצטער שטייט אַ ביימל,
מורמלען בלעטער אוים צו מיר
יעדן טאָג אַ נייעם שיר.

אין מיין צימער הענגט אַ שטייגל,
אינעם שטייגל זיצט אַ פויגל —
פינטלט מיט אַ פינטל-אייגל,
וויל נישט עסן, וויל נישט טרינקען,
האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס זינגען.

האָט פאַרלוירן איבער סעדער
וואו אַ שיינעם פוכקן פעדער
און ווי געבוירן איז ער נאַקעט
נישט ער זינגט און נישט ער קראַקעט.

אַך, מיין פויגל, דיין שטייג איז קבר,
עס ציטערט אין מיר אויף יעדער אבר
ווען איך דערמאָן זיך, אַז אויך איר, בלעטער —
פריער-שפּעטער פאַרוויאַנעט מוזט איר ווערן.
עס וועלן בלייבן הוילע צווייגן
ווי אָן פייגל טויטע שטייגן —
כ'וועל מער קיין שירה הערן.

אַט האלט דער ווינטער שוין אין קומען —
ווינטן וועלן יאָגן, ברומען,
צימבלען אין די שויבן;
שנייען וועלן טראָגן, ווייען
אויף מיין ביימל זיך צעזייען
ווי אַלטע ווייסע טויבן.

דאַן וועל איך מיר אין צימער זיצן
זען ווי פונקען שנייען בליצן,
זיצן ווי אַ שטומער;
אין מיין צימער ווי אַ פאַרשפּאַרטער
וועל איך בענקען און וועל וואַרטן
ביז בלעטער וועלן מורמלען: „זומער".

אין גרויסשטאָט

אין ליאַרעם פון גרויסשטאָט דערהער איך,
נישט איינמאָל, דעם רויש פון היימישן וואַלד.
אין היימישע שליאַכן דערמאָנען, צומאָל, מיך
אין ניו־יאָרק דער שוואַרצער אַספאַלט.

נאָר די הייזער פון גרויסשטאָט, זיי זיינען
דאָ אַלע ווי פעלדזן מיט פענצטער מעכאַניש געבויט;
וואו זיינען די היימישע גערטנער און סעדער?
און וואו איז אַ גאַניק, צי ערגעץ אַ פלויט?

וואו זיינען די זילבערנע טייכלעך, וואו ס׳האָבן
די גויעם געפּראַטשעט דאָס גרעט;
און ס׳האָבן זיך וואַלן געמיטלעך געקייקלט
און די זאַמדיקע ברעגן געגלעט?

דאָס קוואַקען פון זשאַבעס אין טשערעט,
וואָס האָבן צו ליבע און בענקשאַפט געוועקט...
דער מולד אַריבער די ביימער פאַרטייעט —
אַ סערפּ אין די גאַרבן פאַרשטעקט.

די אָפענע הימלען די קלאָרע צעשפּרייטע,
וואָס האָבן פון הויכן אַרונטערגעקוקט
מיט שטערן, ווי פונקען אויף סטעפּעס צעזייטע,
וואָס ווערן פאַרלאָשן און אויפסניי אויפגעטוקט...

◆

אַ בראָדיאַגע

אַ בראָדיאַגע איז ער.
זײַן לײַב — הענגענדיקע שמאַטעס.
זײַנע אויגן — טראָפּנס מוטנער בוימל.
אויסגעדאָרט און אויסגעבויגן,
צווישן ברוכוואַרג, קויט און שימל,
זיצט ער אויף אַ בערגל אָפּפאַל
און קוקט אין ערגעץ ניט.

צום בערגל מיסט —
זײַן זומער היים —
איז ער צוגעוואַקסן ווי אַ אײן לײַב.
איז חלומט ער נישט פון קיין ווײַב,
נאָר צײַטנווײַז,
צעלאָזט ער זיך אויף פּיס, ווי זשערדעס צוויי,
און שפּרײַזט.

און טרעסעט, ווי אַ הונט די פליי,
פון זיך דאָס מיסטן־שטויב אַראָפּ
און פאַרלאָזנדיק זײַן „היים" אויף הפקר
פאַרלירט ער זיך אין גרויסער שטאָט,
ווי אַ הירש אין ווילדעניש...

◆

אַ קינד פון פאָלק

כ׳וועל זיך שוין קיינמאָל ניט באַוויינען
און מיט טענות זיך נישט ווענדן מער.
איר זייט דאָך די וואָס טראָגן קרוינען
— און איך בין ווער?

אַ קינד פון פאָלק און אַזוי דערצויגן —
קיין זשעסט, קיין אײנציקן כ׳פאַרמאָג.
און בײַ אײַך ווערט שטאָלץ ווי גאָלד געוואויגן
אויף אײַער אייגן־אויסגעטראַכטער וואָג.

טאַנץ־זאַל

קינדער אין דער שטאָט דערצויגן,
ווי די הירשן פלינק און פריי,
טראָגן זיך ווי פייל פון בויגן
אינעם ווילדן טאַנץ־געדריי.

און עס ליאַרמעט דער אָרקעסטער,
סאַקס און טראָמפּעט שאַלט אין שפּיל,
ציט זיך אויס טראָמבאָן דער גרעסטער
איבער אַלץ מיט אַ געבריל.

פאַרלעך וויגן זיך צום ריטם
פינקטלעך אויסגעפאָלגט דעם טאַקט,
דזשאַז־מוזיק, — צייט־געשניטן,
ווערט גאָר פּלוצלונג אָפּגעהאַקט.

ביז אַ צווייטער פאָקס־טראָט ווידער
טוט זיי שטורעמדיק אַ ריס,
פלעכטן זיך ווי לאָזעם גלידער,
גופים — קעפּיק־צוויי, פיר פיס.

נאַכט נאָך נאַכט די זעלבע סצענע,
שוועבט די יוגנט אום אין פרייד;
און פון טאַנץ־זאַל הילכן טענער
איבער סקווערן ווייט און ברייט.

◆

אין וואַלד נאָך שוואָמען

אַ נאַכט אין פרישן היי געשלאָפן —
אַ, וויפל יאָר ס׳זענען פאַרביי
אַ, וויפל נעכט ס׳זענען פאַרלאָפן —
דאָך קומט דער חלום אויף דאָס ניי.

ווען מיר די קינדער אַ געזעמל
האָבן צונויפגערעדט זיך אין דעם שטאָל
אַז מען מוז זיך פרי צוזאַמענגעמען
און גיין נאָך שוואָמען אינעם וואַלד.

און ס׳האָט דער וואַלד מיט אַלץ געראָטן:
שוואָמען, שוועמלעך אַלערליי.
האָבן קינדער זיך אויף שליאַך צעשאָטן
מיט געהילך און מיט געשריי.

און מיט קערבלעך אַלערליי געשטריקטע
ווער אויף אַקסל, ווער אויף קאָפּ,
פון פרימאָרגן-בלוי אַנטציקטע
זיך געלאָזן אין גאַלאָפּ.

און די זון האָט אונדז אַנטקעגן
זיך געשטשירעט און געלאַכט:
— קינדער, כ׳קום פון אייערטוועגן.
זיך אין בלענדעניש געשפילט ביינאַכט...

און דער אַלטער וואַלד האָט שטיל געפּליסטערט,
באַוועגנדיק די צווייגן קוים:
קינדער, קומט אַריין און נישטערט,
און נעמט-מיט אַלץ מיט זיך אַהיים.

◆

זומער

שניטערינס, ווי סטאַיעס שוואַנען,
טיכלעך וויים אויף די קעפּ,
זינגען לידער הויך צוזאַמען;
ס'זינגט מיט זיי אויך מיט דער סטעפּ.

קאָסעס קלינגען, שטייען יונגען
איינגעטונקט אין גראָז ביז קני;
הענט ווי פליגל פריי צעשוואונגען
קאָסען היי פאַר פערד און קי.

סטויגן היי, ווי גאַסן שטיבער,
וואַקסן רייענווייז צעשטעלט, —
און די זון, ווי פון אַ צעבער,
גיסט איר גאָלד אויף סטעפּ און פעלד.

פאָרט מיט היי באַלד אָפּ אַ וואָגן,
דעם שטאַנג דער פויער שוין פאַרציט.
ווינטן לוסטיקע צעטראָגן
דופט פון פרישן היי און צוויט.

◆

שטערן און מענטשן . . .

עס וויגן זיך שטערן אין די אייביקע הויכן,
עס וויגט זיך דער מענטש אין זיין שטענדיקן טרוימען;
ס'וויל נאָך דער מענטש אויך די שטערן דערגרייכן —
אַן איינוואוינער ווערן דאָרט הויך אין די רוימען.

איך גלויב קוים ס'איז אמת, ס'זיינען דאָרט פאַראַנען
וועלטן און לענדער פון שטיין און פון אייזן;
און קינדער וואָס הייבן פאַרפרי אָן צו וויאַנען
און פרויען וואָס בליען, און מענער וואָס גרייזן . . .

◆

שפעט אין האַרבסט

פון די וואָלקנס רינען טרערן,
ימען טרערן אויף דער ערד,
בלאַט און גראָז שוין באַלד צעשטערט.
אין טעג אַזעלכע לאָזסט אויך טרערן,
ווען זעסט גאָטס טעמפּל ווערט צעשטערט.

אָפּגעשטאָרבן אַלץ, פאַרדאָרבן,
ס'הערט זיך קוים אַ גרעזל שאָרכט.
דער ווינט קומט אָן מיט ליאַרעם: — האָרך!
דערלאַנג אַהער דעם לעצטן קרבן
וואו ערגעץ נאָך אַ בלעטל שאָרכט.

ז־ז־ז, אַ ווינט אַ זאַווערוכע,
בלעטער שטויב אין קאַראַהאָד,
בוימלעך ווי פון שלאָף צעטשוכעט
שטרעקן גיך די צווייגלעך אוים
און בעטן לעבן נאָך ביי גאָט.

הוילע שטענגעלעך זיך וויגן,
ביז דער שניי פאַרדעקט זיי הויך;
הוילע שטענגעלעך זיך וויגן
זשומט דער ווינט אַ שאָרסקען ניגון
אונטער הימלען שווארץ ווי רויך.

◆

צו מיין ליד

ווערטער אויסגעצירט, ווי כלות,
קומט און ברענגט מיר פרישן דופט;
איך לעב דאָ איינזאַם צווישן סקאַלעס,
אָן אַ הימל און אָן לופט.

קומט איר האַרציקע וואָס שנעלער,
קליידט מיט פראַכט אָן מיין געדאַנק
און לאָמיר פריילעך ברעכן טעלער
און פאַרקנסן זיך אויף לאַנג.

פֿאַרביי איז דער זומער

אַנטקעגן דער זון ווי אויף די ביימער צעהאַנגען
פֿלאַטערן נאָך איינזאַמע בלעטעלעך קוים,
עס סטאַרטשען די נאַקעטע צווייגן ווי שטאַנגען
און קלאַפּן ווי סקעלעטן זיך אָן אין געהיים.

פֿאַרביי איז דער זומער. פֿאַרוויאַנעט די בלומען,
די זון האָט פֿאַרלוירן איר רייץ און איר קראַפֿט,
בלויז איינצלנע בינען ווי פֿאַרלוירענע זשומען —
מאָנען און זוכן וואו ערגעץ אַ זאַפֿט.

פֿאַרנויגט שטייען ביימער. ווי איינער צום צווייטן
און קוקן מיט יאוש אַראָפּ צו דער ערד —
ניטאָ מער קיין תבואה, קיין זאַנגען אויף בייטן,
די זאַנגען די לעצטע — דער פֿויגל פֿאַרצערט.

דער ווינט טראָגט אויף שפּיזיקע פֿליגל די בשורה
פֿון ווינטן און שנייען וואָס זיינען אין וועג,
פֿון וואָלקנס, פֿון הימלען וואָס זיינען פֿאַרכמורעט
און גיסן צונויף לאַנגע נעכט מיט די טעג.

עס שאָרכט נאָך אַ בלעטל וואו ערגעץ אויף צווייגן
אַנטקעגן די ווינטן וואָס יאָגן פֿאַרביי,
און פֿרעגן: ווי לאַנג וועט די קעלט אַזוי שטייגן?
און וואו איז דער זומער און וואו איז דער מאַי?

◆

צו דער מוראַשקע גיי, פוילער

ווען דער פוילער האָט געגענעצט
און געטראַכט פון דחקות, נויט,
האָט דער פלייסיקער געפּענעצט
פון זיין גרויסן לאַבן ברויט.

ווען דער פוילער איז געשלאָפן
און געחלומט רק פון געלט,
איז דער פלייסיקער געלאָפן
עפּעס נעמען ביי דער וועלט.

האָט אזוי זיך לאַנג געצויגן —
ווי די סדרה פון „מקץ״ ;
ביז די צייט האָט אָפּגעצויגן
פונעם פוילן ס׳לעצטע פעטס.

איצטער חלומט ער אַ האָר נישט,
דאַרף לחלומין נישט קיין געלט ;
און פון דער וועלט האַלט ער גאָרניט,
ווייל ער איז אויף יענער וועלט...

◆

בין איך פריילעך

מיט פונקען גאָלד ווי אַ שפּריי רעגן
שפּריצט די זון אויף אַלע וועגן,
שפּריצט די זון אויף מיין וועג אויך —
בין איך פריילעך, זינג איך הויך.

פרילינג קומט אונדז איצט באַגריסן,
כ'באַגרים דיך אויך מיין נאַכבאַרשאַפט
מיט אַלע טייכעלעך וואָס פליסן
אויף דער ערד, וואָס שלאָגט מיט קראַפט;

אַלע פייגעלעך וואָס שוועבן
רונד אַרום אין קאַראַהאָד,
דעם יונגן ווינט וואָס ברענגט אונדז לעבן,
דעם אויפגעוואַכטן וואַלד און סאָד;

דער לאַנג פאַרשלאָפענער אַקאַציע,
וואָס טוליעט עלנד זיך צום פּלויט,
און דיך אויך, מענטש פון שווערער פּראַצע,
צו דעם פּאַרזיי פון נייעם ברויט.

◆

כ'האָב צעזייט מיינע טעג

כ'האָב צעזייט מיינע טעג דאָ צווישן אייזן און שטיינער,
ווייל קיין מענטשלעכע ליבע האָט מיין האַרץ ניט געצונדן,
ביז ס'האָט מיך עלנד צעגריזשעט ווי וועלפישע ציינער
און מיך געלאָזן מיט אָפענע צעיאָטערטע וואונדן.

האָב איך לאַנג אין מיין בלוט זיך געקאָרטשעט אין קרעמפּן,
פון מיטלייד קיין האַנט האָט מיין גוף ניט באַרירט,
ביז שטאַרקער פון אַלטן פאַרצייטיקן בראַנפן
האָט אַ בראַנדיקע שנאה אין מיר זיך צעאירט.

איצט טראָג איך זיך אום מיט פאַרקרעמפּטע צוויי פויסטן
און פאַרוואַנדל מיין האַרץ אין אַ פּאַנצער פון אייזן,
און גרייט יעדן שונא אין תהום גלייך אַ שטויס טאָן
די זעלביקע העפלעכקייט אים אויך באַווייזן.

נאָך געדענק איך די נאַכט

נאָך געדענק איך די נאַכט ווען ס׳האָבן הימלען גערויכערט
און ס׳האָט זיך אַ לבנה געבאָדן אין אַ וואָלקן קאַלוזשע,
און דו האָסט זיך געטוליעט צו מיר אַזאַ בלייכע
און ס׳האָט נערוועיש געפלאַטערט ווי אַ זעגל דיין בלוזע.

ס׳האָט אַ ווינט דאָן באַפאַלן צעטראָטענע בלעטער,
ווי בראָנזענע פייגל באַוועגט זיי אויף דר׳ערד,
און ביימער ווי אַ גאַלעריע פאַרשטאָרבענע געטער
זיינען נאַקעט געשטאַנען ווי עדות געהערט,

ווי דו האָסט געמורמלט: — מיין ליבער, מיין טרייער,
אונדזער ליבע איז אייביק ווי גאָטס אוניווערס.
און דיינע גליענדע טרערן ווי טראָפּנדלעך פייער
האָבן טיף אין מיר אויסגעקריצט זעלטענעם פערז,
אַז ליבע איז אייביק ווי גאָטס אוניווערס.

זייט דאַן זענען יאָרן ווי בערג אויפגעלאָפן
און יעדעס יאָר האָט פאַרצייכנט אין מיר טיף זיין שניט,
דאָך שיק איך דיר ווידער מיין ליד און כ׳וויל האָפן
אַז דו וועסט זיך געפינען אינעם בלוט פון מיין ליד.

אַ בריוו

עס ציט מיך נאָך צום פּרימיטיוו,
צום וואַלד און פעלד און הימל־בלוי,
איז שרייב איך איצט צו זיי אַ בריוו,
וואָס לייענט זיך כמעט אַזוי:

כ׳בין שוין לאַנג פון אייך אַוועק,
דאָך וויינט נאָך מיין נשמה;
איך פיל זיך דאָ נאָך אַלץ אין שרעק
ווי אין די צייטן פון מלחמה.

און פרעמד איז מיר נאָך דער קלימאַט,
דער קולט און אויך די גיטער,
כאָטש פריי דאָס לאַנד איז און דער שטאַט,
דאָך מיר איז ביטער, ביטער.

מיין איינזאַמקייט גייט אויף אין מיר,
צומאָל ווי אַ שוואַרצע כמאַרע;
איך הער מיין יעדן נערוו־וויבריר
און מיינע אויגן בלאָנדזשען שטאַרע.

איך זוך אין ווייטקייטן אומזיסט
מיט אייך מיין איך צונויפצוגיסן,
און אַזוי מיין לעבן דאָ פאַרפליסט
אָן לעבנס אמתע געניסן.

◆

דער ווינט צעטראָגט

דער ווינט צעטראָגט דעם שטויב פון בלומען,
וואָס האָבן ערשט געלעבט;
די לופט איז פול מיט די פּערפומען,
וואָס ווערן לאַנגזאַם אויסגעוועפּט.

אַ ווינטל קעלטער און געניטער,
אַ צווייטער שליח פונעם האַרבסט,
קומט און שפּילט אויף צווייגן־ריטער
די סימפאָניע צום וואַלד: „דו שטאַרבסט״.

פון פרי ביז נאַכט דער הימל טרויערט,
אין שוואַרצע בענדער איינגעהילט;
אַרום חיות הייל־געפּאַר שוין לויערט —
ס׳האָט היינט אַ ביקס שוין ווער געצילט.

און טראַך! אַ האָז איז אויפגעשפּרונגען,
ווי פייל פון בויגן אין גאַלאָפּ,
אין פלאַטער־קרייז געצייכנט רינגען
פאַר שרעק האָט הויך אַ שוואַרצער ראָב.

ביז אַ ווינט פון ערגעץ גאָר אַ שאַרפער,
האָט וואַסער־שייבלעך אָנגעגלאָזט,
די ערד פאַרשטשעמעט, און ווי אַ האַרפע
געקלונגען האָט שוין וואַלד מיט פראָסט.

איך זינג און איך טרויער

איך זינג און איך טרויער און פרעג זיך צומאָל:
וואו זיינען די טעג וואָס פאַרגייען אָן צאָל?
וואוהין פירט אונדז דאָס לעבן און וואָס איז דער ציל,
אויב אַלץ וואָס אונדז ליב איז, פאַרזינקט אין דער שטיל?

איך פרעג, נאָר פון קיינעם קיין ענטפער כ'דערוואַרט,
ס'האָט דאָס לעבן אונדז אַלע ווי קינדער פאַרנאַרט;
די זון האָט געלויכטן — אונטער איר גאָלדענעם רעגן
זיינען מיר איר געלאָפן אַנטקעגן, אַנטקעגן.

די זון איז פאַרגאַנגען — און ס'ציט שוין צו דרימלען,
אַ נעפּל פאַרהילט אַלץ — עם טונקלען די הימלען.
נאַכט קומט אָן, מורמלט: גייט שלאָפן, גייט שלאָפן,
פאַרגיין מוז די זון דאָך, ס'האָט קיין זאַך געטראָפן...

◆

ס'ווילט זיך באַגריסן

הענגען הימלען טיף פאַרכמורעט,
וואָלקנס ציען זיך אין שורות,
וואָלקנס אַלערליי,
ווייס ווי צפון-בערן וואָלקנס —
פעדערן מיט שניי.

ווייסע שטערנדלעך און פוכקע
ווערן איינגעפרוירן קרוכלע
און שימערן ווי דימענט-שטויב.
ס'טוט דאָס האַרץ דערפון געניסן,
ס'ווילט זיך מיט וועמען ס'איז באַגריסן
און אויסזינגען צו גאָט אַ לויב.

◆

אַ שטערנדל רעדט צו מיר

די זון פאַלט טיפער אַלץ אַרונטער,
איצט ווערט דער הימל טונקל־גרוי,
און אַ שטערנדל ווי צונטער
האָט גערעדט צו מיר אַזוי:

ווײסט, בחורל, שוין זיין אַליין דאָ
אויף דער גרויסער גרויער ערד,
ס׳ציט יעדן מענטשן צו זיין געמיינדע,
נאָר דיר איז עלנד זיין באַשערט.

וואַנדער אום, ווען אַלע רוען,
ווי אַ שאָטן דורך די נעכט,
און דורך אַלע דיינע שעהן
טראַכט פון אומרעכט און פון רעכט.

צעווײין זיך פיל מאָל אויף דעם שוידער
צו וואָס דער מענטש האָט זיך דערטראַכט
און וואָגל אום אַזוי כסדר
ביז ס׳וועט צופאַלן דיין נאַכט...

◆

בלוי און מילד

בלוי און מילד איז דער באַגינען,
קלאָר און דורכזיכטיק דער רוים,
און עס זשומען שוין די בינען
און עס סודעט זיך שוין בוים מיט בוים.

ריטשקעלעך אויף אַלע פעלדער
פלאָנטערן זיך אין געדריי,
ווי זילבער סטענגעס — און פון וועלדער
באַגריסט דעם טאָג דער סאָלאָוויי.

צווייגן נייגן זיך צעגרינטע
שטיל אַראָפ פון יעדן בוים,
און עס ציטערן ווי סטרונעס
שטראַלן גאָלדענע אין רוים.

איך זינג מיט פּראָסטן לויב

אין מיינע רוימען בלענדן זונען
און גערטנער בליען פּרעכטיק שיין;
כ׳האָב ליבע אויף דאָס ניי געפונען
אין מענטשן, פּונקט ווי איך זיך אליין.

איך טרעט פאָרויס אויף נייע שליאַכן
און זינג מיט פּראָסטן שטאָלץ אַ לויב
צו זיך, צו אַלע וועלכע וואַכן,
און קניען ניט צום עבר־שטויב.

פאָרויס, פאָרויס עס ברעכט מיין ווילן,
די וואַנט פון יאוש נאָכאַנאַנד,
מיין לאָזונג: קאַמף ביז צום דערצילן —
קאַמף און ליבע האַנט ביי האַנט.

פאָרויס, איר אויך פון הינטער־וועגן
וואו לעבן קאָרטשעט זיך אָן קראַפט;
דאָרט זאָל מיין וואָרט ווי פרילינגס־רעגן
זיי אָנטרינקען מיט לעבנס־זאַפט.

◆

קריטיקער, דיכטער, לעזער

די קריטיק האָט געזאָגט:
אַ ליד מוז זיין געראָטן;
זי מוז זיין פיין פאַרבראָקט,
פונעם דיכטער דורכגעפּאָקט
און מיט קרייטעכצער באַשאָטן.

דער דיכטער האָט געטראַכט:
די קריטיק איז גערעכט.
ער האָט אַ ליד פאַרטראַכט —
פאַרטראַכט, נישט סתם געמאַכט —
מיט טעם און ריח עכט.

דער לעזער האָט דערפילט
די כוונה פון די צוויי
און מיט אַ פרייד, ממש, ווילד,
האָט זיין בלוט אויך אויפגעשפּילט
אין אַ לויב־געזאַנג צו זיי.

ביינאַכטביים ים

דער ים האָט גערוישט און געזאָדן
און געשליידערט די כוואַליעס צום ברעג,
אַ באַרזשע מיט קוילן געלאָדן
האָט זיך לאַנגזאַם גערירט אינעם וועג.

האָט אַ שיפל געשלעפּט זיך, געסאָפּעט
און אַלץ טיפער אין וואַסער געזונקען,
דורך אַ רער האָט די פּאַרע געכראָפּעט
און דער ווינט האָט געריסן די פונקען.

און אַ לעמפּל ווי אַ רויטער בלוטס-טראָפּן
האָט געזשמורעט זיך קוים אין דער נאַכט
און העגגלעך פייער ווי גאָלדענע האָפּן
זיינען דורך פענצטער ווי געפלאָסן אַן מאַכט.

און גאָר הויך זיינען שטערן געהאַנגען,
דורך רויכיקן נעפּל געקוקט,
ווי עס שיפּן די כוואַליעס ווי שלאַנגען
און איינע די צווייטע פאַרצוקט.

רוף פון פרילינג

מיין בלוט צעברויזט זיך אַפּט ביינאַכט:
וואו בין איך דאָ, ווי קום איך איצט אַהער,
ווי האָט מען מיך אין תהום געבראַכט,
צו וואָס און ווער?
און ווי טראָפּנס פייערדיקע
קייקלען מיינע טרערן זיך
און ברענען לעכער דורך מיין לייב,
ביז כ׳דערהער פון ווייט
אַ רוף: שטיי אויף!

פאַרלאָז די שטאָט מיט איר געברויז
און לאָז זיך אויף דער ערד אַרוים.
ס׳איז פרילינג איצט אין וואַלד, אין פעלד, —
דערוואַך, דו נאַר, ניט וויין, ניט שעלט
און קלייד זיך אוים אין פליגל צוויי
אַנטלויף פון תהום, פאַרגעס דיין וויי —
דער סטעפּ פאַרבעט דיך איצט צו זיך.
איין גרינע דורכזיכטיקע ציך
פאַרדעקט די אויפגעוואַכטע ערד,
פון אומעטום — אי בלאַט, אי קוויט,
באַגריסן דיך מיט ריחות פיל
און רופן דיך צו זיך: קום, פריינד,
און זינג מיט אונדז פון לעבנס-פרייד!

◆

מאַי

אָ, ווי בולט איך זע מיין היים, מיין גאַניק
און דעם טאָפּל-בוים ביים פּלויט,
דער גאָרטן ווייס איז פון רומיאַנעק,
ווי מיט אַ קלאָרן שניי פאַרוויט.

און דער קאַרשן-בוים, דער צווילינג,
צו מיין פענצטער רק ער ציט,
איצט זינגט שוין יעדער קנאָספּ פון פרילינג
אין האַרמאָני מיט אַלץ וואָס בליט.

פונעם הויף ווי אַ טעפּעך גרינער
טומלען קלאַנגען אַלערליי,
אויף יונגע שמעטערלינגען, בינען —
זשומען, פלאַטערן אין געדריי.

און ביי די ווענט פון אַלטן שייער
פינקלען שטערנדלעך אָן צאָל,
פייער-פליגן טראָגן פייער
און פאַרשווינדן מיטאַמאָל.

און פון טייכלעך ערגעץ ווייטער
הערט זיך ס׳קוואַקען נאָכאַנאַנד,
צווישן פליעסניאַק שטיל פאַרטייעטע
שווימען פישלעך זאַלבענאַנד.

און איבער אַלץ לבנה שימערט,
לאָזט נישט אויס קיין גראָז פאַרביי.
און איך דאָ, ווידער אין מיין צימער,
דערשפיר די פרייד פון שיינעם מאַי.

◆

אַוועק פון דער היים

היים, מיין היים, כ׳האָב דיך פאַרלאָזן
אין שענסטע טעג פון פרילינג-צייט,
מילדע שטראַלן, ערשטע גראָזן,
האָבן מיך צום באַן באַגלייט.

ס׳פערדל מיינס האָט ווילד געסאָפּעט
איבער גרעבליעס אין גאַלאָפּ;
אַ ראָד האָט אומעטיק געסקריפּעט:
— ער פאָרט שוין אָפּ, ער פאָרט שוין אָפּ!

די זון האָט הויך פון הימלען קלאָרע
מיט גאָלד פאַרגאָסן ס׳בלויע רוים,
און ביסלעכווייז האָט זיך פאַרלאָרן
אַהינטערוועגס מיין אַלטע היים.

ביז לעצטע טעלעגראַפן-דראָטן
האָבן טריב זיך איבער מיר צערוישט,
ווי זיי וואָלטן מיר ווי פריינד געראַטן:
נישט פאָר אַוועק, וועסט זיין אַנטוישט!

נאָך הער איך דעם קלאַנג

ס'האָט פאַרבליצט יענע שעה, פאַרביי איז די צייט,
ווען מיר האָבן געליבט זיך נאַיוו און געטריי.
איצט זיינען מיר ביידע צעשיידט אזוי ווייט,
דאָך דערמאָנען דאָס אַלץ איז כדאי
צו אָפּפרישן יענע צייט כאָטש, אויפסניי.

אָט זע איך דיך ליבסטע ביים גאַניק אַליין —
ס'איז פרילינג אין שטעטל, די גאָס שמעקט מיט צוויט,
דער הימל איז בלוי די לופט אזוי ריין,
א פויגל צעזינגט זיך, מיין נשמה זינגט מיט;
דאָס זינגט זי פון ליבע דאָס אייביקע ליד.
איך זע דיינע אויגן צוויי טייכעלעך קלאָר,
דיין העל בלאָנדן קאָפּ, ווי א זוניקע בלום;
איך האַלדז דיך און קוש דיך, מיר זיינען ביידע א פּאָר.
— אך, ווי שיין איז די וועלט און דאָס לעבן ארום!
ווי שיין דאָס איז אַלץ אויף דער וואָר!

נאָך הער איך דעם קלאַנג פון דיינע הארציקע רייד,
ביים גאַניק, אין גאָרטן, צי זומער אין סאָד.
איך גלויב קוים ס'איז אמת, מיר זיינען צעשיידט.
אזוינס — ווי אזוי קען עס רעכט זיין ביי גאָט?
דיך זען כאָטש נאָך איין מאָל, נאָך איין מאָל, נאָך איין מאָל,
דאָס איז מיין געבאָט...

אַליין אין דער נאַכט

.1

אויף גאַסן אויף שטילע, אַליין אין דער נאַכט,
בלאָנדזשע איך אום, ווי אַ שומר וואָס וואַכט
און געהאָרכזאַם פאַרנעם איך איטוועדן קלאַנג,
וואָס דערמאָנט מיר צומאָל אין אַ היימיש געזאַנג.
און טרויעריק נעמט עס מיין האַרץ אויף און וויינט,
דערמאָנט מיר אין היימישע נעכט און אין פריינד,
אין דופּטיקע סעדער ביי יעטוועדנס היים,
אין פעלדער, אין סטעפּעס, אין אָפענעם רוים.
און זיפצנדיק נויג איך מיין קאָפּ טיף און בענק
נאָך פרייד, וואָס די צייט האָט שוין לאַנג עס פאַרשווענקט;
נאָך ליבסטע, וואָס זיינען אויף אייביק אַוועק
און מאָל זיך אַ צוקונפט פון טרויער און שרעק.

.2

בין אויף פאַרשיידענע וועגן געגאַנגען,
אויף יעדן געבלאָנדזשעט באַזונדער,
ביז די זון האָט געזעצט זיך אַרונטער
און ס'האָט זיך דער הימל פאַרהאַנגען.

מיטאַמאָל איז מיר קלאָר אַלץ געוואָרן,
אַז יעטוועדער וועג פירט צום אָרט,
דאָן האָב איך זיך הייליק געשוואוירן
צו גלויבן אין אמתן וואָרט.

◆

ביינאַכט אויפן בית־עולם

שווערע שטיינער אויסגעקריצטע
שטייען היטן בערגלעך זאַמד,
רונד אַרום אַן אַלטער פּאַרקן
טונקלט זיך ווי אַ שוואַרצער באַנד.

מורמלען בלימעלעך איינס צום צווייטן,
פאַרטרויען סודות אין געהיים,
לבנה פון דער הויך מאַלט קווייטן
אויף אַן אַלטן דעמבן־בוים.

וויגן גרעזלעך און די קעפּלעך
פאַרנויגן זיך און מורמלען שטיל,
איבער זאַמדיק געלע בערגלעך
פייפט און שפּרינגט אַרום דער גריל.

פאַרטרויערט שווימט הויך די לבנה,
ווערט פון וואָלקנס אָפט באַדעקט;
אַ ווינט צעוויינט זיך אין בהלה,
ווי ער דעם טויט וואָלט דאָרט אַנטפּלעקט.

◆

שעה נאָך שעה

שעה נאָך שעה ווי טראָפּנס סם
טריפן פון זיך ווייזערס אָפּ,
רגעס עגבערן מיין קאָפּ,
די שענסטע צייט: זע, ניט פאַרזאַם!

און עפּעס קלאַגט אין מיר און לאַכט,
ווי צווי ניט־גוטע אין געפעכט:
צום אונטערגאַנג פאַרגרייט זיך קנעכט,
דיין שעה פאַרגייט, עס נידערט נאַכט.

צי איז עס טאַקע משוגעת
וואָס רויבט מיין רו און דריקט ס'געפיל?
צי איז עס אַלטע וועלט־חולאת
וואָס זוכט אין צייטאַזן דעם ציל?

צו מיין פאָלק

האָסט געהערט ווי עס קרעכצן די וועלדער ביינאַכט,
ווען עס שמעטערט דער שטורעם די צווייגן צו דר׳ערד,
און אַ דונער צעהילכט זיך אין פיל-פאַכיקן קראַך
און שליידערט אין רוימען זיין גליענדן שווערד?

האָסט געזען ווי עס גלימערט אין סטעפעס דאָס ווילד-גראָז
אונטער שטראָמען פון בליץ-ליכט, ווי צעשראָקענע שאָף,
און ס׳שרייען די פייגל, צערייצטע פון כאַאָס,
ס׳וועקן זיך חיות פון מאָכיקן שלאָף?

און פלעדערמייז, קראָטן, אין געפלי און געלויף
מישן מיט צעשויבערטער נאַכט זיך צוזאַם,
און ס׳וויגט זיך דער הימל אַראָפּ און אַרויף,
ווארפט זיינע וואָלקנס, ווי די כוואַליעס, דעם ים.

דאָס אַלץ איז אַ ליד פון אַ ריזיקער קראַפט,
וואָס שמעטערט און שאַפט און באַפרוכפּערט די ערד,
ביז דער שאַפער פון מייסטערווערק ווערט זעלבסט פאַרגאַפט,
און פאַרשלעפערט דעם שטורעם, לעשט אויס די שווערד.

און וואָלקנס צעפלינדערט, ווי צעפּאַטלטער קרעפּ,
שטויסן זיך לאַנגזאַם צום הימלישן זוים,
עס גלייכן אויס ביימער, געצוואָגענע קעפּ,
ווי ריזיקע ליכטער אַנטקעגן דעם רוים.

ביז די זון קומט אַרויס אויסגעוואַשן און קלאָר
און שפּרייט ווידער אויף צווייגן אירע גאָלדענע האָר
און צעפינקלט איר שמייכל מיט אומשולד און חן,
דאַן זעסטו, באַנעמסט, אַז ס׳קען אַנדערש ניט זיין,
אַז ניי לעבן מוז קומען דורך ליידן און פּיין,
און גלייבסט, אַז יידיש לעבן וועט אויף אייביק זיין.

◆

דאָס העזעלע

זעסט דאָס העזעלע זיך טוליען
צו אַ קאַרטשעדיק געוויקס,
ס'וויל דאָס העזעלע זיך נעבעך
אויסבאַהאַלטן פון דער ביקס.

ס'האָט דאָס העזעלע קיין מאַמען
און לעבן וויל עס, זיין באַשיצט;
דרייט ער זיך ווי אַ קנויל צוזאַמען,
ליגט מיט אויערלעך פאַרשפּיצט.

ער ווייסט אויך גוט, זיין פלייש דאָס זיסע
רייצט דעם יעגערס אַפּעטיט;
אים דוכט, ער הערט פון וויטן שיסן,
אַ הינטל שמעקט נאָך זיינע טריט.

שפּרינגט ער פלינק דעם קאָרטש אַריבער,
לאָזט זיך איבער ווילדן העק,
זיג-זאַג איבער בערגלעך, גריבער
יאָגט ער ווי אַ פייל אַוועק.

ס'יאָגן נאָך אים הויפנס שרויטן,
שלאָס פון ביקס קלאַפּט אָפּ געשווינד,
צערייצטע יאַגד-הינט אים באַגלייטן,
— נאָר דאָס העזעלע פאַרשווינדט.

◆

אין שענק

(פויעריש)

פידל, פייקל און הארמאָשקע,
נאַכט אַ „פריילעכס" אין סאַלאָן,
היי, דערלאַנג דאָרט גיכער, מאַשקע,
נאָך אַ קווערטל סאַמאָגאָן.

טאַנצט, אַז בענקשאַפט זאָל פאַרשווינדן,
ווי ביי זיך אין פרייען הויף;
ווי די גאַרבן פלעגט מען בינדן —
בינדט זיך אַלע היינט צונויף.

צום טאַקט ווי דרעשערלעך אין שייער
מיט אָפּצאַסן — באַץ אין דיל.
און איר כלי־זמרים גיסט מיט פייער,
שפילט אַ היימישן קאַדריל.

שפילט איר, הינטישע קאַפּעליע,
שפילט אָן אויפהער אַ קאַזאַק,
שפילט אַז טרעשטשען זאָל די סטעליע,
פון שנאַפּס זאָל שוימען דער קאַבאַק.

◆

איך בענק

איך בענק אוועקצוגיין פון דאַנען
אויף פרייע פעלדער ערגעץ ווייט,
וואו עס רעדט דאָרט שטיל די אייביקייט;
אַן אַן אויפהער אַזוי שפּאַנען
פון קיינעמס אויג נישט מער באַגלייט.

און קומען ערגעץ אין אַ לאַנד,
וואו ס'האָט קיינעמס טראָט די ערד באַרירט,
וואו נישט קיין שקלאַף און נישט קיין ווירט
זאָל האָבן איינגעפירט די שאַנד
וואָס צו פאַרדאָרבנקייט עס פירט.

און דאָרט ערשט טיף אין זיך פאַרטראַכט
אויסדיכטן מיין הערלעך ליד,
אַז אַלץ וואָס שטרעבט אין מיר און גליט
זאָל ווי אַ פאַקל אין דער נאַכט
אויפלויכטן אין מיין געמיט.

◆

מיין ליד — פאַר אַלעמען

מיין ליד וויל זיין פאַר אַלעמען,
פאַר יעדן שיכט און קלאַס;
און ס'וועט מיין האַרץ ניט זשאַלעווען
קיין ליבע און קיין האַס.

זי וועט מיט וואָרט מיט גלוטיקן
דערצילן אומעטום,
אום דאָס שענסטע צו דערמוטיקן
און באַקעמפן וואָס איז קרום.

און ווער עס וועט צעשרייען זיך —
ער שטעכט אונדז מיט זיין פען,
זאָל ערגעץ וואו פאַרטייען זיך,
זיך זעלבסט נישט וועלן זען...

ביז מיין קינסטלעריש וואָרט געלונגענער
וועט צעגליען זיין געפיל.
— זיין האַרץ איז קיין פאַרדונגענע,
וועט ער זאָגן צו זיך שטיל.

אויף דער וואַך

זוי קרעמען הארט איז אונדזער פויסט,
שוין פונקען שלאָגט זי דורך דער נאַכט.
כאָטש ס׳הענגט נאָך כמארע שווער און גרויס —
דאָך פרעמד איז אונדז נישט מער קיין שלאַכט.
מיר האלטן וואך!

ס׳איז הענקערס האַק נאָך שארף און גרויס,
נאָר מיר, מיר זיינען פיל אין צאָל.
און שטארקער קלינגט אָפּ וואָס אמאָל
אין אונדז דאָס גרויסע פרייהייטס-ליד,
אַז באַלאַנגען דארף די וועלט בלויז אונדז
און נישט דעם שונא פאַראַזיט.

אין אונדז די קראַפט, ווי אַ פייער-באַרג
וועט אויסברעכן אין צאָרן-בראַנד.

מיר קומען מחנותוויז אָן שטארק
און טראָגן זיך פון לאַנד צו לאַנד.
אויף פליגל פונעם שטורעם-ווינט
מיר קומען אויסברענען די פלאָג
פון פאַראַזיט און דעמאַגאָג
ביז זייער געדעכעניש פאַרשווינדט.

◆

אַ חלום אַזאַ

אַ נאַכט אין קבר אויסגעלעגן. —
איז וואָס? איז שרעקלעך דען דער טויט?
איצט קומט שוין קיינער מער ניט פרעגן:
ווי לעבט זיך עס? ווי גייט?

אַליין צו זיין, — מיין טרוים פאַר יאָרן —
האָב איך עס דורכגעפירט אַצינד...
צווישן ווענטלעך שוואַרצע פונעם ארון —
אַ פלאַץ וואו יעדער רו געפינט.

מיינע הייסע בלוטן מיטגענומען
וועט שפּייז זיין פאַר דער שיינער ערד;
די וועלט, זי דאַרף קיין קונסט, קיין בלומען,
דאָס הארץ האָט היינט קיין מינדסטן ווערט.

אַ, בלינדע נאַכט, פאַרדעק נאָך טיפער
מיין שטומען גוף אין מיין ניי געצעלט.
דער מענטש פון היינט איז בלויז אַ ציפער
אַ בלויזער נול נאָר פאַר דער וועלט.

◆

אין אונדזערע הערצער

אין אונדזערע הערצער עס וואַרקען אָפט טויבן
און עס פלאַטערט אין אונדז אַזאַ ריינער געפיל.
מיר ווערן באַלד אַנדערש, מיר הויבן אָן גלויבן
אַז פולקום קען דער מענטש זיין און דאָס ווערט אונדזער ציל.

מיר ווערן מיט פרידלעכע לידער באַלאָדן,
ווי ביימער מיט פרוכט צום פאַרטיילן זיי גרייט.
און פאַרגעסן מיר אָפט, אַז אַ וואָרעם ברענגט שאָדן,
ווערט פריצייטיק פאַרשניטן אין אונדז יענע פרייד —

וואָס באַהאַלטן עס ליגט טיף ביי קינדער, ביי פרייע,
פאַר נצחונות פון שפּעטער די נאַטור זיי פאַרהיט.
און דער וואָרעם וואָס ליגט שוין אין אונדז טיף פאַרטייעט
צעפרעסט און פאַרסמט אונדזער אייגן געמיט.

צו אַ גרויסהאַלטער

צו וואָס פֿאַררייסן הויך דעם קאָפּ
און פֿאַרקריכן אַזש אין וואָלקנס,
ווען עס שלעפּט זיך נאָך, נאָך דיר, אַ צאָפּ —
אַ צאָפּ אַ גאַנצער קאָלטן.

אַ כאַפּטע לויפֿט דיר נאָך און שרייט:
ביסט דער איינציקער דערציער,
דו ביסט דער אויסדרוק פֿון דער צייט,
דער געניאַלער פֿירער!

און דו, פֿאַרשיכורט פֿון דיין איך,
ווי עס טרעפֿט מיט פֿילע „גאונים"‎;
דו כשרסט אַלץ וואָס טויג פֿאַר זיך,
נישט פֿרעגנדיק ביי קיינעם.

ס'איז אפשר זייער ברייט דיין שליאַך
און האָט אויך נישט קיין דערנער;
נאָר וואָס וואַקסט דען אויפֿן בעסטן פֿלאַך,
ווען עס פֿאַלט אויף אים קיין קערנער?

מאָנומענטעלעך פון שטויב

גוט זאָל אײַך זײַן, קינדערלעך,
וואו איר זאָלט ניט זײַן.
איר זײַט דאָך אַלע וואונדערלעך
מיט אײַער פרייד און פּײַן.

איר פאַרמאָגט דאָך אַלע נעזעלעך,
קאַפּריזנע ווי געטאָקט;
נאָר ס׳ווייסן נישט די לעזערלעך,
וואָס אַזוינס אײַך נאָגט.

איר טראָגט זיך אום מיט הערצעלעך
פּיטשיניונקע ביז גאָר,
מיט שמערצעלעך און ווערצעלעך,
וואָס הענגען אויף אַ האָר.

מיט יסורימלעך און שטורעמלעך,
וואָס הויבן שטויבלעך אויף
און איר שטעלט דערפון זיך טורעמלעך
און מאָנומענטעלעך צונויף.

◆

מײַן שטעטל

ס׳איז מײַן שטעטל ווי אַ שטעטל,
כאָטש איך וואוין אין אַ ריזן־שטאָט
און פונקט ווי דאָ זײַנען דאָרטן מענטשן
און דער זעלבער איז אויך גאָט.

וואָס זשע פאָדערט איר געזאַנגען
פון שטאָל און שטיינער און גראַניט,
ווען ברייט, פיל־פאַרביק, איז פּשוט לעבן
— און דאָס לעבנס־קינד איז אונדזער ליד?

צי קען דער בוים אָן וואָרצלען גרינען,
צי פאַרגעסט דער פויגל אין זײַן נעסט?
ווי מאָרגן־שטערן אין באַגינען
לויכט אין אונדז נאָך גלויבן פעסט!

און ווי דער ווינטער, וואָס קומט אָן
און ברענגט קיין פרוכט פאַר אונדז ניט מער,
אַזוי וועט זײַן דעם קינסטלערס פרייד,
וואָס האָט פאַר זײַן היים קיין וואָרט, קיין טרער.

כ׳האָב אַ וועלט דערזען

א קלאָרער וואַסער שלענגלט זיך
און קלינגט אַראָפּ אין טאָל,
ס׳גערויש פון וואַסער דערוועקט אין מיר
זכרונות פון אַמאָל.

ווען כ׳בין אַ ייִנגל נאָך געווען
און מיט פרייד אַזוי געשווימט —
געשווימט מיט לוסט און לעבנס־קראַפט,
פון אַ שיינער וועלט געטרוימט.

אין גליק האָב איך געבאָדן זיך,
ווי אַ שמעטערלינג אין ליכט
און פונקט ווי זי זיך אָפּגעברענט
די פליגלען אומגעריכט.

כ׳האָב אַ וועלט דערזען אַן אַנדערע
וואָס לויכט נישט — נאָר זי ברענט.
און גאָר שרעקלעך ווערט דער פייער־האָס
צום צווייטן אָנגעווענדט.

◆

כימוז וואַגן

דורך פאַרשידענע זיג־זאַגן
געוועגדט האָב איך זיך צו דיין טיר,
כ'האָב געזאָגט — כ'מוז דאָך וואַגן
קומען נאָענט ווען צו דיר.

און דער וועג, אַן אומבאַוואוסטער,
האָט גערעדט צו מיר געהיים:
גיי, זיי שטאַרק און ווער אַ מוסטער,
ווער אַליין דער טאַט פון טרוים.

און ווען זון האָט זיך שוין העל צעלויכטן
פאַר מיין אויג גאַר נאָענט פאַרוים,
האָט ווער ווי דורך אַ פראַגע־צייכן
מיך געפרעגט: ווילסט ווערן גרויס?

מ'האָט נאָך גרויסקייט נישט באַגרינדעט
און אויך וואָס קליין איז נישט באַשטימט;
ס'איז בלויז דיין תאוה, מענטש — וואָס זינדיקט,
און זאָגט דיר אונטער: ווער באַרימט.

ס'איז גרויס און קליין דער מענטש אַלס גאַנצער
און במילא שוין פולקאָם.
ווי ס'דאַרפן געטער נישט קיין פאַנצער,
דאַרפסטו מענטש ניט קיין דיפּלאָם.

צום היינטיקן מענטש

.1

כ׳וועל זיך ערגעץ באהאלטן
צווישן גייסטער־געשטאַלטן
און פון דאָרט וועל איך שיקן מיין בליק ;
איך וועל קוקן אין אייך, ווי מען קוקט אין אַ טייך,
ווען מען זוכט דאָרט אַ צירונגס־אַנטיק.

און וועל איך עס געפינען
וועל איך אייך באַדינען
מיט אַלעם וואָס איך פאַרמאָג.

.2

בלויז אין ווערטער אין שטילע
קען איך דעם אָטעם דערפילן
פון מענטשלעכן עלנד און פיין,
ווי יום־כיפור צו נעילה,
אין אַ בית המדרש אַ שטילן,
וואו מען פאַרנעמט בלויז דעם חזן אַליין.

ווערטער, וואָס שרייען, ווען אין זיך אייביק פאַרטייען
דאָס פאַלשע ווי אַ וואָרעם אינעם האַרץ פון אַ פרוכט.
ווי וואויל איז שוין יענעם,
וואָס קען זיי דערקענען,
וואָס האָט שוין פון אמת כאָטש עפּעס פאַרזוכט.

די ליבע ווערטער

די ליבע ווערטער, מיין באַשערטע,
וואָס דו רעדסט אוים טעגלעך בלויז צו מיר,
פאַרגלייך איך צו די שיינע רינגען
אויף די פינגער פון דיין האַנט;
און ווי די רינגען אויף די פינגער
שטראַלן ליכט פון זיך אַרוים,
ווערט מיין האַרץ דורך דיר באַלויכטן,
ווען מיר זיצן זאַלבענאַנד.

איך קוק אויף דיר און פיל דעם ציטער
פון דיין אינערלעכער פרייד
און טראַכט אין זיך: צי איז עס מעגלעך,
אַז פון צעשיידונג קומען וועט די שעה?
און כ׳הער ווי ס׳רעדט דורך דיר דער מלאך
פון ליבע, אַזעלכע זאַנפטע רייד,
אַז איין רגע גליק איז אויך אומענדלעך,
ווייל ס׳איז קיין אייביקייט ניטאָ.

און ווען מיין בליק באַגעגנט דיינעם
צעפאַלט מיין יאוש זיך ווי שטויב,
ווייל פון זונען צוויי ווי דיינע אויגן
צעלויפט זיך יעדער שטן באַלד.
צי איז אַ רגע אויך אומענדלעך?
איך צווייפל מער שוין נישט, איך גלויב!
און טיף אין זיך, ווי אוצרות טייערע,
דיינע ליבע ווערטער איך באַהאַלט.

מיר זיינען גלייך

מיר זיינען אַלע גלייכע בעטלער,
כאָטש פאַרשיידן איז יעטוועדנס פאַרלאַנג,
און דאָס ביסל פרייד וואָס פאַלט אונדז צו —
איז נישט קיין אייביקער געשאַנק.
אויך נעמען מיר עס ווי אַ חוב
און ציען שטאָלצקייט אויף זיך אָן,
פאַרגעסנדיק ווי אַלץ פאַרגייט
און אויך וואָס גליקט אונדז שטייט אין קאָן.

דאָס אומגליק שפּירט אונדז נאָך געטריי
און לויערט שטענדיק אין געהיים;
זיין נעץ פאַרשפּרייט ער אומעטום
און אוים מיט יעדן טרוים.
דאַן שטרעקן מיר די הענט נאָך הילף,
שוין נישט מאָנענדיק קיין חוב דערביי;
און אונטערטעניקייט אין אונדז
וויינט, זוכנדיק דאָס גליק אויפסניי.

◆

דער טויער פון לעבן

דער טויער פון לעבן שטייט אָפן פאַר יעדן,
קיין רייץ און קיין וואונדער אַנטהאַלט ער אין זיך.
נאָר מיר גייען דערנעבן און גייען באַזונדער,
און איינער דעם צווייטן פאַרטונקלט דאָס ליכט.

אַ בליק אין דער צוקונפט — עס שטעכט אין די אויגן,
אַ שטראַל ווערט אַ שפּיז און מיר טרעטן צוריק.
ס'האָט נאַכט ווי אַ טייוול, מיט סם אונדז געזויגן
און פון אונדזערע אייגענע נערוון אַ נעץ אונדז געשטריקט.

בלויז ווען פינצטערע כמאַרעס פאַרציען די הויכן —
דאַן שפּינען מיר פעדעמלעך ליכט פון זיך אוים;
מיר בראָדיען דורך בלוטיקע טייכן און רויכן,
און באַלויכטן די וועגן וואָס פירן פאַרויס.

דער סוד פון לעבן

מיר בלאָנקען אָפּט ווי שיכורע אַרום,
באַמערקן קיינעם נישט, באַגריסן ניט קיין פריינד,
פרעגן זיך אַליין און ווייסן ניט וואָרום
עס טומלט אַרום אונדז אַזוי און וואָס איז דער זין פון היינט.

מיר שמייען ווי מוראַשקעס אום מאַסנווייז, און דאָך אַליין,
און פרעגן איינס ביים צווייטן נישט — וואוהין איז דאָס געיעג;
און דאָס ביסל פרייד וואָס פאַלט אונדז צו — פאַרזינקט ווי אין ים אַריין,
אַהינטער אונדז איין לאַנגע קייט — נישט אויסגעלעבטע טעג.

און אַזוי פאַרשווינדט דאָ יאָר נאָך יאָר אין זינלאָזן ווירוואַר,
דער מענטש פאַרגעסט אין אַלץ, אין זיך, פאַרלירט זיך אינעם שטראָם,
ביז ס'נעמט אונדז ווי אַ שפּילצייג אָן פון אַלע גרויזאַמקייטן דער האַר
און שליידערט הילפלאָז אונדז אַוועק אין די טיפענישן פון תהום.

און אַזוי אַ שטייגט אויף דור נאָך דור, פאַרענטפערט ווערט קיין זאַך;
דער סוד פון לעבן ענדיקט זיך און פאַנגט זיך אָן אויפסניי;
איין ריי פאַרשלינגט די אייביקייט, ס'קומט אָן אַ צווייטע ריי;
און דער האַר פון אַלע פּוסטקייטן — האַלט אייביק אָן זיין וואַך.

◆

דער ריטער

אָט זע איך אַ ריטער אַנטקעגן מיט פרייד,
באַרג אַראָפּ מיט זיין בליץ־ שנעלן פערד צו דער וועלט;
ס'איז זיין פאָן אין דער פינצטער, ווי אַ פלאַמיקע קנויט,
זיינע אויגן — צוויי זונען צעהעלט.

אָ, קום גיכער, דו רייטער, צו אונדז אויף דער ערד!
מיר וואַרטן שוין לאַנג אויף אַ העלד ווי דו ביסט.
קום אין צייט און וואָס גיכער צעשמעטער די שווערד,
וואָס האָט אונדזער יידישן לעבן פאַרוויסט.

זע, ווי זקנים און קינדער מיט בלוט גייען אָפּ,
ס'האָט דער מערדער קיין שאַנד, זיין רציחה קיין ענד.
נעם זיין גיפטיקן מויל מיט וועלטס־אַפּפאַל פאַרשטאָפּ,
ווייל זיין מויל, ווי זיין שווערד, האָט מיין פאָלק שיר פאַרלענדט.

ווי קענסטו?

ביי אונדז פלאַנצט מען נישט קיין ליבע,
צו האַרט איז איצט דער באָדן;
היינט זייט מען בלויז קראָפּעווע
צו טאָן דעם צווייטן שאָדן.

ווי קענסטו, פריינד מיין, לעבן
אין דער געוויסנלאָזער וועלט,
וואו דיין וועג פון גלויבן, שטרעבן,
ווערט דיר אומעטום פאַרשטעלט?

ווי קענסטו, פריינד מיין, אָטעמען
דעם גיפטיקן געשטאַנק,
וואו דער פריידיקער דער אויסוואורף
פאַרשפּרייט זיין נעץ-געדאַנק

און שפּייזט מיט סם אונדז שטענדיק,
מיט טראָפּנס טויטן דראָג?
אָ זאָג, ווי קענסטו לעבן
אין אַ וועלט וואו ס'הערשט קיין טאָג?

פון פראָנט אַהיים

(דערמאָנונג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה)

פינצטער איז אין די וואַגאָנעס,
דורך די שפּאַרעס בריט דער פראָסט,
מונדירן אַלטע אָן פּאַגאָנעס,
ביקסן, שווערדן ברוין פון ראָסט.

אויף די דילן ליגן זעלנער
און די לופט — געדיכט, כאָטש שנייד,
איינער זינגט אַ דאָרפיש לידל,
אַ צווייטער זידלט זיך און שפּייט.

פּלוצלונג בלייבט די באַן פאַרגליווערט
אָן אַ וואָרענונג־סיגנאַל —
איז אַ ראָד אויף ברוך געגאַנגען?
פעלט אַ רעלס וואו אויף אַ שפּאַל?

ווערט אַ טומל, אַ גערודער,
זעלנער שרייען אין איין קול,
עפנט זיך אַ טיר אויף רעדער
שפּרינגען אויף זיי מיטאַמאָל.

אַ קאָנדוקטאָר לויפט אום, סאָפּעט,
מיט זיין לעמפּל רויכיק רויט,
און אַ פלעמל דין שפּרינגט אונטער,
נאָגט דאָס לעצטע נאַפט פון קנויט.

קומט דער מאַשיניסט אַנטקעגן,
גאַנץ אין סאַזשע, אָטעמט שווער:
אויסגעברענט שוין אַלע קוילן
און פון האָלץ קיין סימן מער.

לאָזן זיך אין וואַלד די זעלנער
זאַמלען צווייגן, שטיקער האָלץ,
און דער קעסל קאָכט שוין ווידער,
און דער צוג שוין טראָגט זיך שטאָלץ.

ציט און ציט די באַן אין ווייטן,
בלאַסן רויך זי לאָזט נאָך זיך,
און די זעלנער ווי די קינדער
שלאָפן איין אין רעק און שיך.

◆

זאָגט מיין פילאָזאָף

בעסער הער שוין אויף צו טראַכטן —
זאָגט מיין פילאָזאָף.
— ווילסט מען זאָל דיך נישט פאַראַכטן
אַרבעט, עס און שלאָף.

קום נישט צווישן יענע מענטשן,
דאַרפסט קיין כבוד ניט.
דאַן וועט גאָט דיך בענטשן
מיטן שענסטן ליד.

* *
*

ווער עס בעט צו דיר פון סידור
און זוכט אין אותיות דיין געשטאַלט;
מיינע תפילות ווערן לידער
טיף פון האַרץ אַרויסגעשטראַלט.

◆

װי װאױל איז

װי װאױל איז דיר מענטש, װאָס דו האָסט שױן פאַרנומען
די זינלאָזע רייד פונעם פאַלשן פּראָפעט.
נאָך פיל איך זיין װאָרט װי סם אױף מיין גומען,
זיין בליק װי אין האַרץ אַ באַגנעט.

ס'איז אַ צייט היינט אַ מאָדנע. עס ריידן קאָלירן,
װאו אַ צונג איז אַ גלאָק — און עס קלינגט אומגעשטערט.
דער טײַװל האַלט אונטער, אַז די לופט טוט װיברירן
פון לאָזונגען, הימנען — אָן ציל און אָן װערט.

דער מענטש דינט שױן װידער זיין אָפּגאָט דעם ‏הענקער,
װאָס מאָרדעט און בױט־אױף אױף ביינער זיין טראָן.
אים זינגען אױך שבחים, פּראָפעטן און דענקער,
און פאַלן און קניען צו זיין רױבערשע פאָן.

בלױז יחידים זיי פילן דעם װייטאָג דעם האַרבן
און האָפן אױף יענעם אנטשיידונגס־געריכט,
װען פאַרװישט װעלן װערן די אַלערליי פאַרבן,
װאָס לאָזן ניט זען אונדז דאָס אמתע ליכט.
װען פאַרהערלעכט װעט װערן פון יעדן דער נאָמען,
װאָס געקעמפט און געגערט מיט זיין בלוט האָט די װאָר,
אױף באָדן פון דערגנער געװוען איז דער זאָמען
פאַרן אױפבלי פון אַ שענערן און בעסערן דור.

דאָס וואָרט

ס׳איז נישט דאָס וואָרט וואָס הילכט און קנאַלט,
ווי פולווער־שאָסן אינעם וואַלד.
ס׳איז אויך נישט דאָס וואָרט וואָס קלינגט אָפּט זיס
און ווערט באַגליט מיט „בראַוואָ, ביס״.
ס׳איז דער אמת בלויז וואָס נעמט און רירט,
און ווירקט אויף אונדז ווי שטאַרקער ספּירט;
ס׳איז וואָרט וואָס לעבט און רייסט אונדז מיט
צו די הויכקייטן וואו דער אָדלער פליט.

ווי דאָס בלוט פליסט געשווינד ווען מיר באַגייען אַ זינד,
פליסט די צייט פון דער יוגנט אַוועק;
און ווי די שעהן וואָס קריכן פאַר אַ מענטש וואָס איז בלינד,
גייט פאַרביי איצט מיין לעבן אָן צוועק.

כ׳גיי אום איבער גאַסן ווי גאָרנישט קיין היגער
און נישטער מיט פאַרלוירענע אויגן אַרום.
אַט ווערט מיין אומרו ווי פון אַ געפאַנגענעם טיגער
און ווי ער — פלאַץ איך אוים אָפּט מיט פאַרשטיקטן געברום

◆

ערגעץ רוישן נאָך וועלדער

ערגעץ רוישן נאָך די וועלדער
און די לופט איז בלוי קרישטאָל,
ערגעץ בליען נאָך אויך פעלדער
און סאַמעט־גרין איז באַרג און טאָל.

דאָרט לעבט נאָך מענטש צוזאַמען באַשיידן
מיט צוטרוי, גלויבן ער ווערט גענערט
און אויב ס׳איז דאָ נאָר אַ גן־עדן
איז דאָס אַלץ נאָך אויף דער ערד.

ס׳באַהעפטן ערגעץ זיך די ימען
מיט זילבער־טייכן וואָס פליסן ווייך,
און ס׳דוכט די וועלט האָט אויך אַ מאַמען
און אַ געטרייען פאָטער אויך.

דאָרט וואו איך בין געבאָרן

פאַר אייך איז אפשר נישט קיין נייעס
צו הערן ווילדן וואונדער,
ווי פויגל פליען מחנותווייז
און אַן אָדלער פליט באַזונדער.

און בער און הירש און ווילדע ציג
און וועלף און פוקסן, האָזן,
יאָגן אום זיך הין און צוריק
דורך וועלדער און די גראָזן.

און בוימער רוישן נאָכאַנאַנד
און רייפע שישקעס פאַלן,
און אינעם וואַלד פון ראַנד ביז ראַנד
דעם יעגערס קולות שאַלן.

און אפשר איז אייך פרעמדלעך,
ניט היימיש פאַר די אויגן
ווי בעריאָזקעלעך אין ווייסע העמדלעך
ווי נאָנעלעך זיך נויגן.

און יאָגדעס און מאָך ווי פליוש
און פיל באַטעמטע שוואָמען,
ווי די זון טוט פרי דעם וואַלד אַ קוש
און באַשפּריצט מיט גאָלד די רוימען.

פון ראַבינעס און קאַלינעס,
פון בלייכע פעפער-בלומען,
פון פאַזעמקעס און מאַלינעס
מיט ריחות פון פערפיומען.

און וואַלד צעפלאַמט זיך ווי אין בראַנד
אין טויזנטער קאָלירן,
די ערד אין ריזיק-גרין געוואַנט
מיט קאָלירן טוט וויברירן.

כ׳דערזע אַ וועלט אַן אַנדערע
ווען ס׳קומט אַלץ אין זכרון
מיין דמיון הויבט אָן וואַנדערן
אַט דאָרט וואו כ׳בין געבאָרן.

◆

אין קעסל־גרוב

אַט דאָ, אין קעסל-גרוב,
וואו ס׳מישט זיך גאָלד און שטויב
און יעדער שפּאַרבער זוכט
אַ כאַפּ צו טאָן זיין רויב;

וואו צווישן שטיינער ווענט
עס רוישט ווי אַ יריד,
וואו צביעות אָנגעווענדט
עס ווערט אויף שריט און טריט;

וואו ס׳דונערט אָן אַ שיעור,
דאָס קול פון אייזן רעדט:
און מענטש פאַרדעכטיקט דיך —
משוגע צי פּאָעט...

דאָ ברויזט אַלץ מיין געמיט
מיט יידיש וואָרט און טאָן;
איך טראָג פאַרוים מיין ליד
ווי קעמפער טראָגט זיין פאָן!

◆

אויב זינגען זאָל זיין געזונגען

מיין שפּראַך האָט אפשר וויטאַמינען
פון איי, בי, סי ביז לעצטן אות;
און מיין פאַנטאַזיע קען אויך שפּינען
פון העלפאַנטביין דעם שענסטן שלאָס...

דאָך בין איך פרייוויליק געצוואונגען,
זיך אָפּזאָגן פון דעם אימאַזש;
און כ׳זאָג: אויב זינגען זאָל זיין געזונגען
פון נקמה, קאַמפּס-לוסט און קוראַזש.

פון שרפות טויזנטער ביים שונא,
פון זיין גרויסער בראָך, און נאָך און נאָך;
פון אויסגעשפּילטע העלדן ברוינע,
וואָס פאַרשטעקן זיך אין מויזן-לאָך...

פון שטעט צעפּולווערטע אויף שטויבן,
פון פּאַלאַצן זיינע — חורבות ווענט;
דאָס אַלץ באַזינגען און ערשט לויבן,
און בענטשן אונדזער זעלנערס הענט,

און אונדזער פירערשאַפט דער בראַווער,
דאָס פאָלק וואָס שאַפט און וואַכט אין שטיל;
און אונדזער קריגס-מאַשין דער זשוואַווער,
וואָס ראָלט און פליט פאָרויס — צום ציל...

אַ פאַרבער ביי אַ כוסה

אַ גלעזל אַ גרויסע, צי אַ גלעזל אַ קליינע,
טרינק, ברודער, אַ כוסה און פאַרגים נאָך מיט איינע!

קיין שכירות, קיין ציזן*, נישט געדאַכט זאָל עס ווערן,
די פאַרב איז קיין פאַרב ניט, ס׳איז גיפט סם המות.
און אייזערנעם לונג קען זי ממש פאַרצערן.
איי, אַ רוח אין זייער אַלעמענס אבות —

די באָסעם, די לענדלאָרדס, די גאַנצע דינאַסטיע!
נו, שלינג זשע אַרבעטער אַ שנעפּסל אַ דריטן!
און די היינטיקע פאַרבער — אַ ווילדע קאַליאַסטרע,
קיין מענטשן, איך שווער דיר, קיין מידות און זיטן.

אַמאָל אויפן לייטער, כאַטש אַ טויטער, אַ מידער,
צעזינגסט זיך גאָר פלוצעם חזניש,
און שוין כאַפּט דיך אונטער אַ צווייטער, אַ דריטער,
און ס׳זינגט זיך און ס׳לעבט זיך האַרמאָניש...

נאָר היינט ניט געדאַכט זאָל עס; נו, שלינג זשע אַ פערטע!
„נישטאָ יענע יאָרן, אַוועק איז די שעה!"
די גאַנצע וועלט איז אָן איבערגעקערטע —
נו, קער זשע די פלאַש אויך אַרויף מיטן דנאָ!...

---

* סעזאָן

עס וועלקן גאָלדיק די טאָפּאָלן

עס וועלקן גאָלדיק די טאָפּאָלן
און יעדער קרעכצט פאַר זיך „איך שטאַרב״,
זיי בעטן זיך, מען זאָל זיי מאָלן,
נאָר וואו נעמט מען אַזויפיל גאָלדיק פאַרב.

און וואָלקנס איבער זיי זיך טראָגן
רייסן דורך אַ וועג פאַר זיך,
אין אַזעלכע טעג דיין הארץ טוט נאָגן,
דו טראָגסט דאָס זעלבע בילד אין זיך.

פויגל פליען אום שוין מידע,
און שאָטענען אויף דער ערד זיך אָפּ,
און ווינטלעך זינגען פאַניכידע
צום וואַלד אין ברוינעם גאַרדעראָב.

ווי ים פון בראָנז אונטער די הימלען
וויגט זיך אַלץ — אַראָפּ, אַרויף,
פאַרלייקנט פון לעבן, שוין עס דרימלען
פלאַנצן איין אין זייער סוף.

און זשוקעס, שמעטערלינגס און בינען
זיינען מער קיין אָפּטע געסט,
בלויז ווייסע פעדעם אין לופטן שפּינען
דעם טרוים פון שניי און זילבער־פּרעסט.

דאָך ליב איך שטאַרק דעם ווינט וואָס קערט
און יאָגט דעם שניי־דרויב פון דער ערד,
און הויבט עס ווי אַ זעגל אויף
און צעשפּריצט עס אין דער לופט.

ווי אויך די זון ווען זי באַגילדט
די ווייסע דעכער, און פאַרהילט
זיך מיטאַמאָל אין וואָלקנס הויך
און טונקט זיך ווי אַ לאָמפּ אין רויך.

און ווי שיין דער פראָסט איז אין זיין גלאַנץ,
ווען ער צעקלינגט זיין גרויסן אוצר קראַנץ
פון קרישטאָלן פרענזלעך בלוילעך רויט
אויף יעדן דאַך און בוים און פלויט;

און דאָס פאָרן טעגלעך אויפן טראַקט,
פון קאָפּיטעס דעם דריבנעם טאַקט,
און דאָס סאַסנע-וועלדל ביי דער זייט
וואָס לויפט צוריקוועגס יונג פארשייט.

◆

אונדזער הויז

אונדזער הויז איז געשטאַנען אין מיטן,
ווי אַ לייכט טורעם אין ים ערגעץ שטייט,
צווישן אַ וואַלד אַ צעבליטן
פון בוימער מיליאָנען געקייט.

פיל פענצטער זיי האָבן געשפּיגלט
ווי קונסט מאָלעריי פון הויך ווערט;
דעם פלאַטער פון אַלערליי פליגלען,
די שיינקייט פון וואַלדיקער ערד.

און ס'האָט זיך געמיניעט די גרינקייט
מיט טויזנטער סודות פאַרהילט,
וואו עס יאָגן זיך חיות אין פלינקייט
ווען עמעץ דעם ביקס אין זיי צילט.

און איבער אַלץ שטענדיק די קלאַנגען
פון זעגן און העק אומעטום,
און איך אין מיין חלום געפאַנגען
אין אויפגאַנג פון גאָלדענער זון.

◆

כ׳בין אַלץ פאַרליבט

כ׳בין גרייט צו מעלדן אייך געערטע,
כ׳בין נאָך אַלץ פאַרליבט אין ערד
און כ׳גלויב: זי וועט זיין מיין באַשערטע,
ווי לאַנג כ׳וועל זיין פון איר גענערט.

מיינע וואָרצלען טיף אין איר נאָך אַלע,
כאָטש פאַרשטיינערט דאָ איז איר אויבער־דעק
און כאָטש צווייגן איינציקע כ׳האָב וויאַלע,
ווייל כ׳בין פון איר צו ווייט אַוועק.

דאָך כ׳קער זיך אום צו איר מיט ליבע
מיט עקסטאַז ווי זי פאַרדינט
און כ׳בין איר מוחל אַלע טריבע
טעג און נעכט פון קעלט און ווינט.

כ׳וויל בשמים־ריחות אויפסניי דערפילן
פון לאַנקעס, סטעפּעס, וואַלד, געבערג,
און פונקט ווי זי מיט קראַפט צעשפּילן
מיין יעדן ליד, מיין אייגן ווערק.

◆

דער אָדלער

דער שטורעם־ווינט צערייסט די כמאַרעס,
און אַט ווערט ליכטיק מיטאַמאָל,
די זון, זי פליצט מיט גאָלד דורך שפּאַרעס,
אַריבער בערג און אַריבער טאָל.

אַ דונער הילכט אַף ערגעץ ראַשיק,
און בליץ נאָך בליץ צעקריצט די לופט,
אַט ווערט דער הימל בלוי, אַט אַשיק,
אַט ברענגט דער ווינט אַן פרישן דופט.

אַן אָדלער שרייט און רייסט דעם אויער,
אָפּצוועגנגעם־נעגל — גרייט פאַר מאַרד,
זיין בליק פאַרשאַרפט, אין די אָפּלען טרויער
ער זוכט זיך ערגעץ אַף אַן אָרט.

פון דאָרטן בליצט ער מיט די אויגן,
מיט שוואַרצן גרויל ער שווייגט און הערט,
אַט פליט ער ווידער פייל פון בויגן
אַלץ העכער, העכער פון דער ערד.

ניו־העמפּשיר, סעפּטעמבער 1971

מלחמה

הערט מיך אויס

איך, וואראטיצקי,
אַ מלחמה־פּאָעט,
דערקלער נישט קיין בליץ־קריג
אויף דערפער און שטעט.

נאָר כ׳װענד זיך צום עולם
מיט אַזאַ מין אַפּיל:
זייט מוטיק און נאָבל,
און זאָרגט נישט צו פיל!

ס׳וועט זיין וואָס צו אַכלען,
דערקלער איך מיט שטאָלץ!
מ׳וועט נישט קייען קיין קאַכלען
און אויך נישט קיין האָלץ!

קיין גראָז און קיין קלייען,
און חלילה קיין שטרוי!...
עס וועט זיין וואָס צו קייען
און כ׳דערקלער אייך גענוי —

אַז צו פלייש פון כלבים,
וועט אויך נישט קומען דערצו;
ס׳איז נאָך דאָ ביים אָנקל,
גענוג אָקסן, קאַלב און קו!...

נאָר איין זאַך, אין זינען
האָט — נים פאַרגעסט:
העלפט גיכער געווינען
דעם קריג קעגן פעסט!

ווערט אַלע סאָלדאַטן
אויף יעדן געביט,
און שלאָגט די פיראַטן —
מיט גרוים אַפּעטיט!

◆

צער פון אַן אייגענעם נאַר

כ'בין איינפאַרשטאַנען מיט איוואַנען,
מען זאָל די דייטשן גוט באַגראָבן;
כדי די מלוכה פון טיראַנען
זאָל שוין מער קיין קיום האָבן.

און אויך שטים איך מיט „יענקין" און מיט „טאָמען",
אַז מען מוז פאַרווישן היטלערס נאָמען...

דאָך מיין ברודער יונה העשל,
דעם פאַרברענטן בעל רחמנות,
וואָס אין נאָמען פון „יומען נייטשור ספּעשל",
ער פאַרנעמט זיך מיט בטלנות,

מיט אים בין איך אויף קידער-ווידער,
און ס'איז ניט קיין פּלאַי-פּלאַים —
דער שוטה גלויבט נאָך אַלץ אַז „ברידער"
קען מען זיין מיט די דייטשע פּראַים...

◆

שלום־שאַנדע

מען שאַפט איצט שלום-פּראָפּאַגאַנדע,
„שלום-שאַנדע" רוף איך עס;
און ס'פּרעדיקן איר „זאָ גענאַנטע"
„גרויסע קעמפער" פון פּראָגרעס.

און ווייל זיי ליאַרמען: שלום, שלום!
כלומרשט פאַרן נוץ פון כלל;
נוצט דערוויל דער „פינפטער קאָלום"
דעם חסר־דעהם אידעאַל.

◆

מער מאַטאָרן

שטעל אָן דיין באַק און לאָז זיך שלאָגן, —
אַזוי זאָגט די עוואַנגליע;
דעם שונא אין דר'ערד פאַריאָגן —
זאָגט היינט דאָס פאָלק אין אַנגליע.

וואָס מער מאַטאָרן מיט פּראָפּעלער —
זאָגט איצט גאַנץ אַמעריקע;
צו פרייע פעלקער הילף וואָס שנעלער
מיינט פאַרן דייטש — היסטעריקע.

◆

דרך ארץ פאַר קאָלומבוסן

היי, דייטשוקעס מיט די „סטוקעס",
מיט די „מעסערשמידטס" און באָמבעס,
דרך ארץ, ברוינע שניוקעס,
פאַר די לענדער פון קאָלומבוס!

דרך ארץ פאַר די שטערן
און די שטרייפן — ליכט-קאָלירן!
דרך ארץ, בלאָנדע הערן,
צו אונדז אַלס „געסט" נישט אימיגרירן...

מען וועט אייך ציינן וואָס מיינט שטייגן
הויך און העכער אין די ספערן!
מיט אייך אַ „שמועס" טאָן אויף זיכער,
אַז ס'וועט אייך קאַלט און הייס דאָרט ווערן.

◆

ווי לאַנג

ווי לאַנג עס וועט אַלץ דונערן
און בליצן נאָכאַנאַנד;
און הונען וועלן הונערן
אין יעדן פרייען לאַנד;

און לינדים וועלן לינדעווען,
פונקט ווי זיי געפעלט;
וועט אָבן און ס׳וועט ווינדעווען
אונדזער שיינע וועלט...

◆

עך, בערעלע, דו בערל

עך, בערעלע, דו בערל,
באַוועג די לאַפּעס פלינק!
און טו דעם ווייסטן קערל
דעם נאַצי־פינצטערלינג —

אַזאַ מין רייב אין מאָרדע,
אַזאַ מין פלעם אין זייט,
אַז פליען זאָל זיין האָרדע
גלייך אין דער אייביקייט...

עך, בערעלע, דו בערל,
באַווייז דיין קראַפט אויף ס׳ניי;
און טו אויפן ווייסטן קערל
אַ פליווך מיט הייסן בליי.

מיט באָמבעס ווי קאַפּוסטעס,
נעם אויף דעם פיינעם גאַסט!
און אַ קבר צווישן קוסטעס
גיב אים, ווי אים פּאַסט...

◆

איך פריי זיך

פון וואָכן די בעסטע אינפאָרמאַציע,
לייען איך נאָך אַלץ געשמאַק,
ווי עס האָט דער היגער פריצינאַצי
שוין געכאַפּט זיין שוואַרצן פּסק.

און כ׳פריי זיך וואָס זיין אַפּעלאַציע
איז דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק,
און האָף אַז ס׳וועט די ציוויליזאַציע
דאָס זעלבע טאָן צום הויפּט-מאַניאַק.

◆

געגנאָסע טהאָמאַס פריידיקט

גראָד צו אונדזערע נשמות
אַפּעלירט דער גלח טהאָמאַס —
מיר זאָלן אויסמיידן מלחמה,
מיר זאָלן אונדזער שטאָלץ פאַרבויגן,
אַלס פרייע בירגער זיך צעלייגן —
פרייוויליק אין דער אדמה...

דערביי באַנוצט ער אַרגומענטן
פון „ריזן-דענקער" פּראָמינענטן.
און דריקט זיך אויס אַזוי צו זאָגן:
מעגן רוחות איבערקערן
ערד און הימל און די שטערן,
איר זאָלט עס פרידלעך אַלץ פאַרטראָגן.

אַלס צוגאָב זינגט ער פּסאַלמען-שטיקער
פון מאַרקסעס ביבל, און דער עיקר,
ער זאָגט אונדז צו אַ וועלט פון ליבע!
ס׳הייסט — ער, פּלוס זיינע 13 „איפּסלס",
14 שטאַרק — מיט רויטע שניפּסלס
וועלן אונדז אויסהיטן פון אומקום-סיבה.

צום פּאַסיפיסט

וועז פלאַצן וועט די היטלער־מכה,
„רייך דריי״ וועט גיין אין רהיין אריין
און די חיה אין דער ברוינער יאַקע
וועט גיין צוריק אין וואַלד אַריין,

וועל איך דיין פּאַסיפיזם שטיצן,
אויף שלום שטעלן וועל מיין טראַפּ.
דערווייל, ברודער, זאָל שוין בליצן
און דונערן אויף הענקערס קאָפּ.

◆

פלאַקער, פייער!

עס ברענען שונאס שטעט און דערפער,
ער מאַכט שוין זעלבסט פון דעם קיין סוד;
ס׳ברענגט אויך פרייד אין מיליאָנען הערצער,
עס ווילט זיך גיין אין קאַראַהאָד...

פלאַקער, פייער, מיט מער גבורה,
שיס די זיילן רויך אַרויף!
איבער גאָר דער וועלט די בשורה
טראָג פון מערדערס שווארצן סוף.

ס׳קראַכן מינעס, באָמבעס, קוילן,
ס׳ראָלט די ערד זיך אַזוי פון היץ,
ווי דער הימל וואָלט באַפוילן:
גיב די מערדער פייער־שמיץ!

◆

אַ „ברכה" צו קאָגלין ענד קאָ

פון די היגע פּיפּערנאָטערס,
ראַבע קעץ און שוואַרצע קאָטערס,
האָט זיך איינגעגעבן איינער
מיטן גרעסטן מויל און ציינער.

נו, אַ רוח אין זיינע ביינער!

כ׳וועל אים אָנרופן ביים נאָמען,
אָט דעם גרויסן אויסוואורף המן:
פּאַפּאַ טשאַרלס קאָגלין הייסט ער,
און אַ פּיסק אויף שרויפן האָט ער.
ס׳האָט אַ ראַדיאָ און קלויסטער,

— גוואַלד, ווי ווערט מען פון אים פּטור!

ס׳האָט אַן אשר-יצר-בלעטל „דזשאַסטיס"
און זיין גיפט איבערן לאַנד צעלאָזט עס,
מיט אַרטיקלען, וואָס אַנטוויקלען
היטלער-געבעלס שיינע לערע, —
אַז כאַפּן זאָל זיי אַ כאָלערע
איינציקווייז, און אים אַ דריטן,
מיט זיין „קריסטשען פראָנט" אין מיטן,
מיט זיין גאַנצע יצירה,
אַז אויך די קיטלען „זילבער העמדלעך"
זאָלן זיך נישט פילן פרעמדלעך
און צושטיין צו דער „האָלסייל"-פּגירה.

◆

אין אַ מזלדיקער שעה

טאַטע קאַגלין, וועסט שוין פאַלן
אויף דיין בייכל באַרג־אַראָפּ!
וואַגלען וועלן די שאַקאַלן
און וואָיען, וואָיען נאָך דיין קאָפּ.

און ס׳וועלן דיר אַ הספד מאַכן
פלעדער־מייז אין שווארצן קרעפּ;
דיינע ראָבן, די מאָנאַכן,
וועלן נאָכגיין נאָך דיין שלעפּ...

און ביז עס וועט דיין זעל די פרומע
אָנקומען אין פּאַראַדיז,
אויף אַ צלם אויף אַ קרומען
וועט זי הענגען ביי די פיס.

ווען דיין קלויסטער־גלאָק וועט קלינגען:
„גוועז, גוועז" — און מער נישטאָ...
וועלן מיר אַ פריילעכס זינגען
אין דער מזלדיקער שעה.

◆

עס קומט זיי!

צו קניידלעך, מרור און חרוסת
און צו צוויי מאָל ארבע כוסות
איז אַ קורצע צייט פאַרבליבן;
זאָל גאָט נאָר געבן קראַפט און יאָרן,
אום אויסצוגיסן אונדזער צאָרן —
וואָס האָט זיך אין אונדז אָנגעקליבן.

מיר זאָלן קענען מכות ציילן,
ציילן, ציילן און נישט פאַרציילן,
קיין איינס חלילה ניט פאַרפעלן,
ווייל קומען, קומען מיר זיי פיל,
יעדן מערדער לויט זיין „סטיל",
און עטוואָס נאָך מער לויט זייער וועלן...

◆

„קיפ איט פלייאינג"

אויב דו האָסט זיך ווען געשובט,
צי דאַרפסטו זיין אַ פּאַטריאָט
און געהאַלטן האָט דיך אַלץ פאַרכישופט
דער דאָלאַר־ביל, דעם טייוולס גאָט —

דאַרפסטו איצט גאַנץ שנעל אַ טראַכט טאָן,
נאָך שנעלער קומען צום באַשלוס:
מיר מוזן פירן גרויסע שלאַכטן,
און ווער עס העלפט ניט, איז אַ טרוס.

מיר זיינען מענטשן קעגן טיגערס,
און אונדזער קראַפט מוז שטייגן גרויס;
כדי אַרויסקומען די זיגערס
מוז מען געבן דעם רעכטן שטויס.

און זיגערס מוזן מיר זיין דאָך,
און נישט דער רוח, נישט דער „רייך";
דעריבער, ברודער, שפּאַן זיך איין דאָך
און גיי און טו מיט אונדז צוגלייך...

◆

אַ פּסחדיקע תפילה

גאָט, באַשיץ די וועלט פון טומאה,
דעם יידן פון די נאַצי שלעק,
מאַך אַ סוף צו דער מהומה
און גיב צוריק אונדז שטילע טעג!

שיק זיי אָן אַ וויסטע קללה,
צי פרעהס מכות אַלע צען!
נאָר כ׳בעט דיך: מאַך שוין אַ התחלה
און זאָל עס טאָקע היינט געשען!...

◆

היטלער נעבעך!

ער צופּט די וואָנצעס
און בייסט זיך די ליפּן;
גיבן מיר אים „פּאַנטשעס"
אין אַלע זיינע ריפּן.

מיר שלאָגן אים מיט גבורה,
ברעכן אים און בייגן,
אַז ס׳פּלאַצט אים אַזש די צורה,
ס׳בליצט אים פאַר די אויגן.

דער רוס גיט אים סטוסאַקעס,
מיט גרויס האַס און שנאה,
היי, נאַצי פּאַסקודניאַקעס,
אַראָפּ פון דער בינע!

דער „יענקי", אויך ער שוויגט ניט —
דערלאַנגט צום „וואָהל" אין בעסטן;
מיט אונדז, דו נאַצי־גענגסטער
ווילסטו זיך פאַרמעסטן?

דער ענגלענדער, ער שינדט אים,
ווי מיט אָנגעגליטע מעסער;
ער בראָט אים און ער צינדט אים
און דער פייער שטייגט אַלץ גרעסער..

און צושטייער פיל מדינות
אים גיבן ווי געהעריק;
ביז פון אַלע מיתה משונות
פאַלט ער באַלד אַ הורג...

◆

אין קריג מיט די הונען

.1

דער דריילינגל, דער ליבער,
דער ווינט און פראָסט און שניי —
זיי אַרבעטן בציבור
פאַר דער אַליאירטער אַרמיי.

זיי זיינען אַלס געשייטע —
חברה לייט באַקאַנט;
און זיי האָסן שטאַרק די „לייטע"
מיטן שוואַרצן אָרעם-באַנד...

און ווען עס טרעפט נאָך אויך צום רומל
אַ זאַווערוכעלע קומט אָן,
דאַן פייפט זי מיט געטומל:
חברים גורט אייך אָן —

אַרוים אויף אַלע וועגן!
אַרוים אויף פעלד און סטעפּ!
קומט קאָסעז, שניידן, זעגן
דעם שונאם בייזע קעפּ...

.2

נישט קיין באָמבעס, נאָר באַמבוזן
זיינען איצטער אין פאַסאָן!
און אַראָפּפאַלן זיי מוזן
פינקטלעך ווי מען זאָגט זיי אָן...

צו באַזוכן די קוואַרטאַלן
פון וואַן די גאַנצע מאָרד-קונסט שטאַמט,
און ווי וואונדערלעך זיי שאַלן
מיט פייער העלישן צעפלאַמט...

יאָ... אַראָפּפאַלן זיי מוזן
די באַמבוזן פינקטלעך איצט!
וואו ס'באַגריסן זיך די פוזן
פון וואורשט און ביר אַדורכגעשוויצט.

◆

באַגראָבט זיי רייענווייז

די שטורעם-טרופערם — אַז אָך און ווײ,
מען שטורעמט היינט זיי אומעטום,
אין איירָאָפּע „באַגלייט” מען זיי
מיט מוזיק פון בום-בום, בום-בום...

היי, קאָזאַקן, זין סיבירישע,
טייוואָלימלעך אויף פערד!
די „ניעמצעס” די וואַמפּירישע
צעטרייבערט מיט דער שווערד!

מיט בולאַטן בליציק שטאָלענע,
מיט סאַבליע און מיט פּיק,
איבער נאַצי-קעפּ מעטאַלענע
קאָסעט הין און צוריק...

גרייפט אָן די האָדרעם אַפּישע,
גרייפט אָן ביז „דושו וואָן”!
די האָרדעם רויבער שקלאַפּישע
מיט קוילן שטאָפּט גוט אָן!

באַגראָבט זיי ערגעץ רייענווייז
אין מיסט, אויב ערד איז קנאַפּ!
און אַלס „ערזאַץ”, זייער פליי און לייז
שיקט אָפּ צום היטלער שטאַב...

◆

צו די פירער און זייערע פערד

עס וועט אייך אַלע סטייען אייגן קרקע,
ס'וועט אויך סטייען פאַר אייך פערד;
וואָס זשע יאָגט איר זיך אַלע שטאַרקע
צו פאַרכאַפּן יענעמס ערד?

וואָס זשע צאַפּלט איר זיך, העלדן,
ווען איר דערזעט אַ פעלד צעבליט
ביי דעם שכן? — קערט איר וועלטן
און איר שפּרייט דאָרט דינאַמיט.

ווייִ צו אייער שוואַרצער גבורה,
און צו אייער צוקונפט אויך;
עס וועט נאָך אויסברעכן אַ בורע
און צעטראָגן אייך ווי רויך.

עס וועט נאָך אויספּלאַצן איין ווילן,
צונויפגעקלאַמערט ווי איין האַנט,
און אייך „פירער” קראָקאָדילן
אָפּווישן פון יעדן לאַנד.

◆

היי, בערלין!

נאָך אַ וואָרט צי צוויי צושטייער
צו דער שמחה כ'גיב אַצינד:
היי, בערלין! שטאָט „הייליק טייער”,
ברענען זאָלסטו ווי אַ פייער
מיט דיין גאַנצער מאָרד געזינד.

ברענען זאָל מען דיר און פּאַליען,
הויפּט-שטאָט פונעם מערדער-לאַנד
און דיין גרעסטן פּעלקער-תּליון
זאָל מען בראָטן, דעמפּן, סמאַליען
טאָג און נאַכט — און נאָכאַנאַנד!

◆

מאַרינאַד פון פיש־„מיקאַד"

ס׳האָט דער ים איצט, אַ נייעם סאָרט פיש:
דעם „מיקאַד" — אַ פיש אַ פיראַט.
טאָ קום, ליבער אָנקל, מוטיק און פריש —
כאַפּ אַריין אין נעץ אָט דעם „יאַט"!

ס׳גלוסט זיך דעם „מיקאַד" די הערשאַפט פון ים,
דאָרט שווימלט און גריבלט זיין מין;
נאָר ערגער פון אַלץ, איז זיין מיאוסער שטאַם —
ער שטאַמט פון דער ברוין־שווארצער שפּין...

אַ נעץ אַ גרויסע דער אָנקל איצט דאַרף,
צו וואַרפן אין יעטוועדן „זאָן",
אויך אַ פּעטליע, אַ האַקן שאַרפער פון שאַרף,
צו כאַפּן די „מיקאַדס" ביים טאָן...

מיר דאַרפן זיי נישט בלויז אויף שבת,
נאָר טעגלעך אַזוי אין פּאַדריאַד;
ביז מיר׳ן מאַכן פון אַלע „מיקאַדעס"
אַ פאַרפּרווירענעם פיש־מאַרינאַד...

◆

מכות אויף מכות

אָט דער „סטאַק" אין דער הגדה
פון מכות עכטע באַלד אַ טוץ;
אויך אין אונדזער פּעריאָדע
וואָלטן זיי געבראַכט פיל נוץ...

נעם זיי, גאָט, אָן אין דיין הויפן,
שליידער זיי אין יעדן לאַנד!
פונוואַנען דער ייד וויל נעבעך לויפן,
אָן אַ ברויט און בעטגעוואַנט.

גיב זיי דאָרטן שחין און כנים
טאָג נאָך טאָג, און נאַכט נאָך נאַכט!
גיב זיי אויך פון יענע מינים,
וואָס דער מענטש האָט אויסגעטראַכט...

לויפן דאַרף מען קענען

אָ, לויפן דאַרף מען קענען,
און ווער זאָגט עס דען אַז ניט ?
און איצט ווען פּרעסט דאָרט ברענען,
עס לויפט דער וועלט־באַנדיט.

ער לויפט פון פרעמדע סטעפּעס,
פון שליאַך און פון שאָסיי,
און ווי ווייסע לאַנגע שלעפּעס
עס לויפט אים נאָך דער שניי.

פון וועלדער און באַראַקעס,
ער לויפט דאָרט באַרג אַראָפּ,
אין צעריסענע כאַדאַקעס
ער פליט אַזש אין גאַלאָפּ.

פון פעלדער און פון טראַקטן
ער לויפט, ער פליט, ער שוויצט ;
ער לערנט איצט די פאַקטן
פון „בליץ" וואָס האָט פאַרבליצט.

ער לויפט און ס'יאָגט אַ פאַרע
און כאַפּט דעם אָטעם קוים ;
ער לויפט כאָטש מאַכט אַ וואַרע
און גיט אים „לעבנסרוים"...

ער לויפט, ווי ס'וואָלט אין לויפן
געווען זיין גרעסטער גליק,
און אויף גאָר אַ פיינעם אופן
עס באַגלייט אים קנאַל־מוזיק.

און אַזוי לויפנדיק אין לויפן,
ס'לויפט מיט זיין אַפּעטיט ;
ער וויל נאָך פרעסן, זויפן,
נאָר ער האָט קיין צייט שוין ניט...

◆

דאָס נייעסטע וויג־ליד

שלאָפט איין, קליינע טייבעלעך,
אַ, ס׳ציטערן די שייבעלעך,
דער דרויסן איז היינט מיאוס;
ס׳רעגנט בליי היינט פּודנוויז,
פון הימלען אָן אָן איבעררייס,
און רייסט פון לעבן קריעות.

עס הודזשען אָדלערס שטאָלענע,
פון וואָלקנס קלאָרע, וואָלענע
נידערט היינט די שרעק;
און רויבערס־שיפלעך גומענע
יאָגן ווי באַנומענע
זיך אום פון ברעג צום ברעג.

שלאָפט איין, קליינע עופעלעך,
פיל לענדער — אין פיל שרפהלעך,
אַ וועלט גייט אויס אין רויך;
שלאָפט — און וואַקסט אויס גרעסערע,
ס׳וועלן צייטן קומען בעסערע,
נאָך אפשר פאַר אונדז אויך.

◆

אין אונדזערע טעג

די טעג זיי זיינען שווערע
און פינצטערע ביז גאָר;
די היטלערשע באַקטעריע
איז אַריין אין בלוט פון דור.

פיל פרייהייטן צעפליקטע
וואַלגערן זיך אין שטויב;
מיליאָנען אונטערדריקטע —
דעם מערדערס טעגלעך רויב.

די ערד אַ דורכגעזאַפּטע
אין פרישן בלוט אויפסניי;
און ס׳טאַנצט אויף איר אַ כאַפּטע
מערדער פראַנק און פריי...

זיין „צוקונפט"

אַדאָלף, אַדאָלף, ווי דיין לעבן
מיט דיין ברוינעם רויב-געזינד!
ווי און וויסט אויך צו דיין רבין —
מוסאָלינין — ווי און ווינד!

שוין רוקן זיך אויף דיר אַן סטייעם
פייגל, שטאָלענע אַן צאָל!
וואָס וועלן גיך אַן שום העוויות
די ביינער טאָן דיר אַ צעמאָל!

טויזנט-פונטיקע „באָנבאָנעס"
פאָלן פלינק אויף דיין געניק;
און אויפבליען ווי וואַזאָנעס
קאָליר-רייך-שיין און פייערדיק!

און דבר, חרב, רעב ויגון
וועט דיר נאָכפאָלגן צוגלייך,
און ווי איין גרויסער שוואַרצער וואָגן
וועט ווערן דיין „דריטער רייך"!

◆

אין יאָר 1914

נאָך פריש אין מיין זכרון
יענע טרויעריקע יאָרן,
ווען אַ מאַמע האָט איר זון באַגלייט,
באַגלייט צום וועג וואָס פירט צום טויט
און מיט קינדערלעך אַרומגעשטעלט
אַליין פאַרבליבן אויף דער וועלט.

ווען אַ ווייב האָט דורך געוויין
פאַרשטיקט אויף איר מאַן צום לעצטן מאָל געבליקט
שוין לאַנג פאַרביי איז יענע צייט,
דאָך ווי אַ שאָטן, זייט ביי זייט,
גייט מיר נאָך די גרויסע בראָך —
די פאַרגאַנגענהייט.

די בערל ביי דער אַרבעט

דאָס בערעלע באַלעקט זיך,
כאַפּנדיק פּיל יאָזן;
און וואו נאָר ער באַוועגט זיך
גרויסע העכט ביים „דאָזן"

אין מערב צי אין דרום,
אין מזרח און אין צפון —
נישטאָ איצט מער קיין נאָרע
וואו אַ בערעלע זאָל שלאָפן...

און זשעדנע ווי נאָך האָניק,
יאָגט ער נאָך זיין קרבן,
צווישן קויל-געזשום איינטאָניק
טוט ער זיי דערוואָרבן.

ער גרייפט זיי אָן מיט כח
און קוליעט גלייך זיי איבער;
און עס אַרבעט האַרץ און מוח
ביי בערל ווי אין פיבער...

ער שמעקט זיי נאָך אין וועלדער,
אין כאַטעס און אין שטאַלן,
אויף שניי-באַדעקטע פעלדער,
און צווישן ברוך-מעטאַלן...

קיין גרענעץ צו דעם צאָרן
פון בערעלע דעם רויטן,
און נעגל ווי די שפּאָרן,
רייסן זיך צו טויטן...

◆

אַז קלאַפּן זאָל זיין געקלאַפּט!

מען סמאַליעט אים די „ברעמען"
און מען לאָזט אים אויך ניט „עסן",
אויך בערלין וועט מען צעפּלעמען
ווי קעלן, און נישט פאַרגעסן —

אַז אַנדערע שטעט און האַפן
זיינען אויך שוין אויף די צעטלעך,
און מיט פאָרציעס אויפרייס־שטאָפן
צעקלאַפּן זיי אויף ברעטלעך...

מען ברענט אים אויך די „רוהרן"
די קרופּנע קרופּ־פאַבריקן;
ס'זאָל נישט בלייבן מער קיין שפּורן
פון זיינע שים־אַנטיקן...

און ועל כולם ווערט נישקשה
פון אַ גיהנום פאַר דעם ברוינעם,
עס ברענט דאָס לאַנד ביים רשע,
מיטן רשעס הארץ אינאיינעם...

◆

די בעסטע סחורה

קום, משהלע, אהער,
באטראכט דעם רעוואָלווער!
דו זעסט זיין שיינע רער,
אַ שיינע כלי, כ׳לעבן;
היינט דאָס פעסעלע וואָס דרייט זיך
און די שלאָפנדיקע פאַטראָנעס,
זיי גיב נאָר אַ באַפעל:
„קינדערלעך, צעגייט זיך"
און זיי פליען אָן רחמנות...

דאָס האַטשיקל אַ דריק
און עס ענטפערט דיר: טשיק-טשיק...
און זיי לאָזן זיך אין וועג,
נו, וואַנדערט אייך געזונט!
און טרעפט אין וועג דעם בייזן הונט,
וואָס האַלט די וועלט אין שרעק.

איז לערן זיך די תורה,
מיין זון, מיט גרויסער לוסט.
זי איז איצט די בעסטע סחורה,
וואָס די וועלט האָט ווען געוואוסט...

„יונייטעד ווי סטענד"

די פאָדערונג ווערט גרויס און גרעסער
פונעם ליבן אָנקל מיט דער באָרד,
מיר האָבן קיין עין הרע עסער
דאָ און דאָרט פון יעדן סאָרט...

ווייסע, שווארצע, געלע, ברוינע —
איין משפחה אָן אונטערשייד,
גרויסע, קליינע און סתם אזוינע,
וואָס ווינטשן אונדזער פיינט דעם טויט.

מיר זיינען קיין עין הרע גבירים,
גיבן אַלץ מיט פולער האַנט;
שיקן זיי אַ סך מכשירים,
לויט זייער כח און טאַלאַנט...

נייע טאַנקען פאַר טאַנקיסטן,
פלי־מאַשינען דעם פילאָט,
מאָטאָציקלען פאַר ציקליסטן,
שיך דעם פוס־גייער־סאָלדאַט.

ביקסן, קוילן און טאָרפעדאָס,
אָן אַ שיעור און אָן אַ צאָל,
דעם פיינט צו לערנען מידות,
ער זאָל געדענקען גוט דאָס מאָל...

און דער זאַפּאַס וואַקסט גרויס און גרעסער,
דעם אָנקל איז קיין זאַך צו שווער;
איז שלאָגט זיך, ברידער — הייסער, בעסער,
באַווייזט דעם שונא ווער איז ווער!

„בליץ״־סך־הכל

היטלער גוצט שוין ברילן (פון די לעצטע נייעס)

די מאַלפּע טראָגט שוין ברילן,
אינטואיציע — בלינד,
וואוהין וועט ער דערצילן
וויל ער זען אצינד...

ער ווענדט זיך צו די שטערן,
נישטערט אומעטום;
אָ, וואָס וועט פון אים ווערן
מיט זיין גאַנצן רום?

דאַן זוכט ער מיטלען ווידער,
— ער מוז דער זיגער זיין!
ביז ער פאַלט אַנידער
און דרימלט ענדלעך איין.

דאַן זעט ער זיינע טרופּן,
ווי סקעלעטן ריי נאָך ריי...
און דאָס געוועזער ביי קרופּן —
ווי ברוכווארג פאַרצעליי...

אַנשטאָט באָמבעס און גראַנאַטן —
פיל טויטע אריער־קעפּ!
אַנשטאָט פאָנען און פלאַקאַטן —
צעהאַנגען שווארצער קרעפּ.

זיינע נאָענטסטע „געזעלן״
שלייכן אום געהיים;
מיט טאָרבעס שטאָט פּאָרטפעלן
און זוכן זיך א היים...

זיינע גרעסטע גענעראַלן
— פאָן שפּאַן און פאָן באַראָן —
אויך זיי זיינען שטאַרק געפאַלן
ביי זיך און אויך ביים דאַן...

דאַן שפּרינגט ער אויף מיט צאָרן
און שרייט אַ ווילדער אוים:
„וואָס איסטו פאַן רייך געוואָרן"?
און „וואו איסט זיין מעכטיק פויסט"?

און עס ענטפערט אים אַ שטימע
פון אַ נייער צייט און וועלט:
שוויינען־הונט, אַראָפּ פון בימה,
אין דר'ערד אריין — אוים העלד!

◆

צו דזשאָן בול

צי דו ביסט אַ בול, צי דו ביסט אַ לייב,
דער גוט־יאָר וויים דיר וואָס דו ביסט...
דאָך טו זיך פלינק אַ ריר, אַ הייב,
ווען דו זעסט — דער שונא אין דיר שיסט!

מיט נעגל, ציין, צי מיט שאַרפע הערנער,
דער גוט־יאָר וויים דיר דאַרט מיט וואָס...
פליק אַרוים פון דיין דערצערנער,
זיין געמבע מיט זיין רויבער־נאָז!

ער זאָל דיך מער שוין ניט דערשמעקן,
לויערנדיק נאָכאַנאַנד,
מיט בלוט פון דיר זיך ניט באַלעקן,
אויף יעדן אינדזל, ים און לאַנד.

און אַ סוף זאָל נעמען צו דער מורא,
דערשטיק אין זיך די ווימטע פלאָג!
און דיין שונא דעם מצורע
פון אַלע וועלט־טיילן פאַריאָג!

◆

היטלערס זיג

ווען די נאַצישע חברותא
וועט שוין האַלטן ביי איר מיתה,
ווייסט איר וואָס עס וועט פאַסירן?
מען וועט צונויפטרייבן די קליקעס,
מיט די כלערליי „סוואַסטיקעס",
אויך דעם פירער וועט מען פירן...

פירן וועט מען זיי אין שערענגעס,
זייערע שלאַנגען־פּאַנען, סטענגעס
וועלן פּלאַטערן אַראָפּ!
און ציען וועט זיך לאַנג די מאַסע
פון דער ראַסע איבער שטראַסע,
אין איר ברוינעם גאַרדעראָב...

אין דער פּראַכטפולער פּראָצעסיע
וועט די מאָרד־און שאַנד־פּראָפעסיע
מאַכן גענדזן־טריט צוריק!
און קרעכצן וועט די הויך־קאָמאַנדע,
אַזש גרוי וועלן ווערן אַלע בלאַנדע
און אַזוי וועט קומען היטלערס „זיג".

◆

אין אַרגענטינע

אין אַרגענטינעס שיינעם לאַנד,
וואו „טאַנגאָ־ראַמבאַ" ווערט געשפּילט,
וואו טאַנצן ווערט געטאַנצט מיט בראַנד,
לויט דער טעמפּאָ הייס און ווילד,

אויך דאָרטן האָט אַ נס פּאַסירט,
יאָ... נסים טרעפן היינט פיל מער;
מען האָט דעם דייטש אַרויסגעפירט,
געזאָגט אים פּראָסט: „גיי קוש אַ בער!..."

◆

צום „הייל היטלער"

אוואדאי, אוואדאי,
די שיינע בראוואדע
וועט קאָסטן דיר טייער, הייל היטלער, הייל הער!
שיקסטו דיינע פליער,
סטאַדע נאָך סטאַדע;
זיי פליען און פליען און „קאָמען ניקס מער"...

וואָס טויג דיר, בריטאַניע?
אַ רוח אין דיין מאַניע!
און וואָס טויג דיר ימען, צו וואָס פאַר אַ צוועק?
נישט בעסער געווען וואָלט,
דו זאָלסט זיך פאַרסמען
איידער עס גרייכן דיך פינצטערע טעג?

און צו וואָס דאַרפסטו אינדזלען?
דו גיי בעסער פּינזלען,
צי אין אַ הויז פון פאַרריקטע מאָל זיי אויס די ווענט!
ווייל קוים וועסט פאַרלירן,
און דאָס וועט פּאַסירן —
וועסט כאָטש בלייבן אַלס „קינסטלער" ביי אונדז אַנערקענט...

◆

אונדזער כוח

ניט מיט „מעסערשמידטס" און „היינקעלס"
קען אונדז שרעקן דער באַרבאַר,
אונדזער פּרעזידענט ד. פרענקלין
וועט אונדז שיצן פון געפאַר.

ניט דורך פּאַראַשוטס און טאַנקען
קען דער שונא אונדז דערזען;
מיר קענען, גאָט צו דאַנקען,
שטעלן קעגן איינעם צען.

נישט קיין ראַסן־אידעאָלאָגיע
האָט ביי אונדז די אויבערהאַנט,
קאַניבאַלן און שוואַרץ־חגא
אַנערקענט נישט אונדזער לאַנד.

צו אַ פרוי

פאַרגעס ניט ליבע, טייערע
מיר זיינען נאָך אין קריג!
פאַר אַ וועלטעלע, אַ פרייערע,
טאָ זיי זשע אָנשטענדיק!

זוך נישט צו פיל „פלעזשורלעך"
פון דעם און יענעם מין!
און טרינק פון קליינע „מעזשורלעך"
דיין קאַקטייל, וויין און „דזשין"!

פאַרלאַנג נישט פון קיין פייגעלעך
דאָס מילך, אין אַזאַ נויט...
פאַרקנעט זיך בעסער טייגעלעך
און באַק אליין זיך ברויט.

לויף נישט אין קיין מואוועלעך
צי פאַרקלענער כאָטש דיין „ספּיד",
שענק בעסער אָפּט נדבהלעך
פאַר אַ וואָגלדיקן ייד!

אויך שפּיל נישט צו פיל „בינגעלעך",
ניט אכט וואָס יענע טוט!
ווייל ביי לייטן אויף די צינגעלעך
צו ליגן איז אויך נישט גוט.

◆

צום יענקי־זעלנער!

הימל־הויך צי אין אַקאַפּע,
אומעטום באַוויז דיין שוואונג!
ס'קראַכט אין פייער אַלט־איראָפּע
און פאַרטראָגט אַהער אַ פונק.

טיף אין ים און אויף די וואלן,
ווי אַ בליץ קום אָן ספּאַנטאַן!
צוויי צערייצטע קאַניבאַלן —
היטן איצט דיין יעדן שפּאַן.

און אַ דריטער, דער מיקאַדאָ,
קלעטערט, קריכט אויף גלייכע ווענט;
שפּרייט פון פייער אַ טאָרנאַדאָ
איבער אַזיעס קאָנטינענט.

אונדזער לאַנד ווערט שטאַרק ווי אייזן,
שטאָל־קאָנקריט איר פונדאַמענט;
אונדזער לאַנד קען זיי „סורפּרייזן"
ביים צעפירן זיך די הענט...

◆

צום שלאַכטסמאַן

שלאָג זיך, חבר, זיי פיל בראַווער
פונעם מערדערס ברוינע זין!
שלאָג די רויבער, גראָב דעם קבר
אויף דיין ערד פאַר זייער מין!...

פאַר די לענדער אויסגעפלינדערט,
פאַר פיל פעלקער אומגעבראַכט,
גים אויף זיי דיין האַס אַצינדער
מיט דיין גרעסטער וואוט און מאַכט!

גיב זיי פייער, די „באַפרייער",
אַנשטאַט ווייץ — מיט בליי פאַרפלייץ!
און פאַר דער „אָרדענונג דער נייער"
קרייציק זיי אויף זייער קרייץ!

„ווייסער ברויט"

וואָס ווייטער ער גייט,
אַלץ מער ווייסן „ברויט"
קריגט ער פאַר זיינע אַרמייען;
אים קומען אַנטקעגן
די רוסישע וועגן,
מיט „בולקעס" פון פראַסטיקע שנייען...

זיין פעלץ, זיינע דעקעס,
אויך זיין וואָנצע פאַר שרעק איז —
אַזש ווייס און פאַרגליווערט געוואָרן;
און די טאַנקען זיי כריפּען,
זיי צאַנקען און זשיפּען,
און ווילן פאָרויס מער ניט פאָרן.

ער צלמט זיך איבער
מיט זיין „סוואסטיקא"-צלם,
און קלאָגט פאַרן גאָט פון די הונען:
אויב דאָס איז די רוסלאַנד
דער גרויסער בית-עולם,
דאַן וואָס האָב איך אַזוינס דאָ געפונען?

◆

האַראַקיריס גן־עדן

האַראַקירי, אָ, האַראַקירי;
אַ וואונדער איינפאַל, נו, איאָ...
אויף יענער וועלט, אַ שיינע דירה,
מיט אַ גרויסן „ברוך הבא"

וועט ער זיכער דאָרטן קריגן,
און פאַר צעפּלאַצט ווערן אויף שטיק
זינגט איך עקסטרע אים אַ ניגון,
און רוף אים גרעסטער העלד פון קריג.

אין גן־עדן בלויז אין פריידן
וועט זיין זעלע שוין אייביק זיין,
און אַ מלאך זינגען שירה
וועט פאַר אים טאָג־אוים, טאָג־איין.

און מיט פליגל, שטאַרק אַ פּאָך טאָן
וועט אַ צווייטער, „האַלאָ, מיין זשעפּ";
און פאַר זיינעטוועגן אַ קאָך טאָן
עס וועלן רייז זיך גאַנצע טעפּ.

◆

דער מאָדערנער פּאָעט

ווי דער בליאַסק פון באַיאָנעט
בלאַנקט זיין אויג פאַרפולט מיט האַס.
ער איז דער פליער, דער פּאָעט,
און זיין זעלטענער פּעגאַס
איז דער באָמבער־עראָפּלאַן.
— היט זיך, היטלער און יאַפּאַן!

ער שווינגט אַרויף אויף שטרעקעס הויך,
ווי דער מאָטאָר רוישט זיין בלוט;
און דורך וואָלקנס שוואַרץ ווי רויך,
וואו בליצן שניידן זיך מיט וואוט,
שניידט ער זיך מיט גרוים קוראַזש
און שיקט פון דאָרט זיי זיין באַגאַזש...

פון אונטער אים עס פּלאַצט פונאַנד,
ווי וואולקאַנען־אויסברוכן די לופט,
און אַרסענאַלן רייסן אויף
און כאַפּן אַלץ אַרום מיט בראַנד.
דאַן יאָגט ער זיין פּעגאַס צוריק
און לעבט אויך דורך זיין שאַפונגס־גליק...

מלחמה

ביקסן, שפּיזן, ביזן הימל,
מחנות קומען, מחנות גייען;
אָפיצירן מיט פּאָרטפּעלן
פירן אָן מיט זעלנער רייען.

בראַזגען טאַנקען און האַרמאַטן,
קלאַמערן זיך אָן דער ערד;
קנוילן שטעכעדיקע דראָטן,
קאַוואַליעריע יאָגן פערד.

פּלוצעם, בום! שראַפּנעלן קראַכן,
ס'יאָגט דער שונא אין „זאַטיל"
און מיט איינמאָל עס דערוואַכן
פּוליעמיאָטן מיט געבריל.

באַריקאַדן און טראַנשייען
גרייטן זיך פון ביידע זייטן,
און קאַנאָנען באַטאַרייען
קוקן איבער זיך פון ווייטן.

ציטערט אויף דער ערד אין גרונטן,
הודיען וועלדער ווי טראָמפּייטן,
אזש פון טייכן ברויזט אויף אונטן
פּאַלדעווען זיך אוים אין בייטן.

רויכן שפּאַרן זיך ביז הימלען,
פּלאַצן אוים אין בייזע פלאַמען;
פערד און מחנות מענטשןווימלען –
ס'מישט זיך רוים און ערד צוזאַמען

הייסע קרעמניעס

אונדזער פעטער דער רעטער

אַנקל סעם האָט שוין אַ שם
פאַר נישט קיין שרייער, נאָר אַ קלאַפּער.
אויך דאָס מאָל וועט ער אם ירצה השם
דערלאַנגען זיי, די וועלט-פאַרכאַפּער.

וויני טשווירטשיל

וויני איז איצט צו גאַסט ביי אונדז,
אום וויכטיקס צו באַשליסן,
ווייל וויכטיק איז אין קריג די קונסט
פון צוזאַמען שיסן.

דער דראַנג נאָך אָסטען

דער רויטער פראָנט שרייט: „העי, פראָכוואָסט״,
דו נאַצי הונט, דו איינער!
און ס׳לויפט פאָן בוק,
און ס׳לויפט פאָן קרוק,
מען לויפט פון זיד,
מען לויפט פון אָסט,
און מען קנאַקט צו מיט די ציינער.

◆

די לאַזונג פון טאָג

פראַפּעלער, פראַפּעלער, פראַפּעלער,
וואָס מערער מיר דאַרפן אַצינד.
און פליגלען וואָס פליען וואָס שנעלער
און טאַנקען וואָס יאָגן געשווינד!

און שיפן וואָס שלינגען די מיילן,
קיין ים איז פאַר זיי ניט צו גרויס;
און זעלנער וואָס שניידן ווי פיילן
די לופט, ווען זיי שפרייזן פאַרויס.

מוסקולן, מוסקולן, מוסקולן —
אָ, מיר דאַרפן זיי האָבן אַ סך;
מוסקולן אין „פאַנדרים״, ביי שפולען,
מוסקולן ביי יעטווידערן פאַך!

און טאַנקערס, און מיינערס, און סוויפּערס,
אַן מאָס און אַן צאָל און אַן וואָג!
און אַ טויט־קלאַפּ דערלאַנגען די „ניפּאָנס״* —
דאָס אַלץ ווערט די לאַזונג פון טאָג.

---

* צונאָמען פון די יאַפּאַנעזער

דער קינצלער־קאַנצלער און דער לייב

דער קינצלער־קאַנצלער אדאָלף היטל
(דעם קאָפּ האָט ער שוין באַלד פּאַרפּאַקט)
האָט פאַרטראַכט אַ וואַזשנעם מיטל
ווי אַזוי צו קידנעפּן פּלאַטילעס.
פאַרטראַכט, און מער זיך נישט געקווענקלט,
האָט ער ווי שפּאַרבערס מחנות הייַנקעלס
פאַרטיילט צו זיינע בלוט־גאָרילעס.

דאַן איבער דערפער, שטעט און ימען,
אַ לאָז געטאָן זיך גיכער צאַמען
דעם לייב, אויף אַלע זיינע וועגן;
אַזוי אַזש ס׳האָבן פאַר התפּעלות
אַלע מיכעלס און מיכאַיילעס
גענומען טאַנצן אים אַנטקעגן.

איצט טראַכט דער קאַנצלער: דאָנער וועטער!
עס בליצט צוריק, ס׳איז „שלים" דער וועטער,
און דער לייב — דער האָט איין הארטן נאַקן.
אַך, הימעל־קרייץ! מיין האַקן־קרייצער,
מיין ליבסטן טרוים און שענסטן אוצר,
וועל איך נאָך מוזן באַלד פאַרפּאַקן!...

„גוד ביי" צום לעצטן פּאַסיפיסט

שאַ, מיין ליבער הער,
און הער מיך אויס איין וואָרט:
אַן אָדלער, לייב און בער
האָבן זיך צונויפגעפּאָרט!

און אַרויס איז גראָד פון דעם
אַ וואונדערלעכע זאַך;
אַז ס'האָט שוין אַזש אַ שם
ביי יעדן קלאַס און פאַך.

דער לייב לערנט מוט,
דער אָדלער הויכן שוואונג;
דער בער, וואָס טאַנצט אויך גוט,
ווי מ'טוט אַ פלינקן שפּרונג.

און די אייגנשאַפטן דריי,
דו דאַרפסט האָבן אויך!
און איצט מיין הער „גוד ביי"
צום פּאַסיפיזם-רויך...

◆

פראַקטיש גערעדט

די קלינגענדיקע דרשות
און אַלערליי געזאַנגען
האָבן קיין ממשות
אין אַ וועלט פון שלאַנגען.

דאָס קולאַקל זאָל לעבן
שמט נאָך אַלץ ביי לייטן;
מיט אים לערן זיך צו געבן
דעם שונא אין די זייטן...

קיינער זוכט נישט היינט דעם אמת,
קיינעם גייט ער מער ניט אָן;
קינסטלער מעלקן שקר־טעמעס,
פירער „פעדלען" מיט דער פאָן.

און עס זאַמלען זיך געדיכטער
פון טויטן גייסט די לויב־גוואַרדיי;
ביז די צייט, וואָס חלומט ניכטער,
גיט איר אורטייל וועגן זיי.

זוכט ניט קיין מציאות!

ווער זוכט דען היינט מציאות
אין אונדזער בריטן קרייז?
פאַרקערט, ס'איז גאָר אַ חיות,
צו צאָלן הויך אַ פּרייז!

צו געבן „אָנקל סעמען"
אַלץ וואָס ער פאַרלאַנגט!
און זאָל ער וואָס מער נעמען
און זיין דערפאַר געדאַנקט!

און גרויס מעג זיין דער שטייער
אויף לעבנס-מיטלען אויך;
אַבי שטאַרק זאָל זיין דאָס פייער,
געדיכט די וואָלקנס-רויך,

וואָס זאָל אַרומכאַפּן דעם שונא,
וואָס האַלט דאָס ליכט אין קלעם!
אָ, זוכט ניט קיין מציאות
ביי אונדזער אָנקל סעם!

◆

גדליה אין דער וואַקכאַנאַליע

(דער היטלער־סטאַלין־פּאַקט)

צעטומלט איז מיין שכן גדליה
און קען קיין טאָלק דאָ נישט דערגיין,
אין דער גרויסער וואַקכאַנאַליע
צווישן זאָגערס „יאָ" און „ניין".

ער הערט זיך צו ווי מענטשן ריידן,
דיסקוטירן טעג און נעכט,
און קען שוין באַלד ניט אונטערשיידן
ווער איז אייגנטלעך גערעכט...

וועמען זאָל ער דאָ היינט גלויבן?
וועמענס וואָרט איז דען קוראַנט?
זיי טוען ממש דאָך פאַרטויבן
אונדזער ווילן און פאַרשטאַנד...

טראַכט זיך גדליה:
אַ מין וואַקכאַנאַליע,
אַ נייער אָנשיק פון דער צייט;
פאַרדרייטע קעפּ, פאַרדרייטע לייט!

דער טריפהער שופר

(סטאַלינען — עליו השנאָבל)

דיין רויטער שופר איז אַ טריפהער,
דיינע ווערן פול מיט טומאה;
ביסט דער ערגסטער איבערלויפער
און דער מופקר פון דיין אומה.

ס'איז דיין לערע מער קיין סחורה,
ס'טויג דיין לאַזונג אויף אַ קלאָג;
דיך דערמאָנען — אַן עבירה,
ביי דעם העלן שיין פון טאָג.

דיינע אידעאַלע זיטן
און דיין לערע וואָס איז עכט —
האָסט אויף צביעות עס געביטן
און געוואָרן היינט אַ קנעכט.

אַז וויי צו דיר, מופקר ווייסטער,
וואו דיין האָס האָט דיך פאַרשלעפט;
ביסט שוין מער קיין רויטער פריסטער...
האָסט דיין אייגן גאָט געקעפט.

צו אַ דיקטאַטאָר

פון דיינע ליפּן האָגלען שטיינער,
מיט פלאַם פון גיהנום ברענט דיין קוק,
אין גוף צעפּאַלן זיך די ביינער
דערפילנדיק דיין אָטעם-צוג.

זאָג, וועמענס האַנט האָט דיך געפורעמט,
מיט גיפט דיין וועזן איבערפולט;
צי האָט ס׳לעבנס בייזער שטורעם
מיט זיין וואַנזין דיך צעדולט?

האָבן אפשר מאָנסטערם דיך געבוירן
צווישן זומפּן גיפטיק-קראַנק?
יונגערהייט האָסטו פאַרלוירן
יעדן געטלעכן פאַרלאַנג.

דו טראָגסט מיט זיך אַ האַרץ מיט קברים
און אומעטום זיי שפּרייטסטו אויס;
דיין שם המפורש — איז אין האַרץ אַ וואָרעם,
וואָס ברענגט מיט זיך פאַרניכטונג בלויז.

◆

גלייב זיי נישט

גלייב זיי נישט, פריינט, די וואָס ריידן אָפט ווייך,
און צערטלען דאָס וואָרט ווי דער גערטנער זיין בוים;
זייער וואָרט האָט צומאָל נישט דעם האָפט פונעם רויך,
וואָס האָט זיך שוין לאַנג אויפגעלייזט אינעם רוים.

גלייב אויך נישט יענע, וואָס זינגען גאַנץ זיס
און טוען די פליגל איבער דיר אַ צעפיר,
און זיינען בלויז אויסן דעם „בראַוואָ־און־ביס";
אין לעבן — זיי זיינען פיל קלענער פאַר דיר!

ס'איז אמת, אַז שיינקייט פעלט אויס אויף דער וועלט,
וואָס עס קומט פון אַ האַרץ וואָס איז אמתדיק ריין;
דאָך היינט האָט מען העכער, פיל העכער, געשטעלט
די קונסט פונעם לעבן — אַליין.

און צו דער אַ מגפה, פון גאָט, צי פון וועם,
דו זעסט ניט קיין שטערונג, קיין סוף צו איר טרומף;
דורך וואָרט ווערט אַ ליץ מיטאַמאָל אַ בעל שם,
כאָטש אין לעבן פאַרבלייבט ער אַן אויסוואורף, אַ לומפּ.

◆

פאַר דעם בלוט פון מיינע ברידער

אין לבנה זילבער נאַכט
ווען פּאָעטן זינגען מוראדיק,
כ'האָב דערפילט זיך מרה־שחורהדיק,
און געקאַרגט כ'האָב דאַן מיט רייד
און נאָך ווייניקער געדיכטעט;
נאָר אין דער ווייט און אין דער ברייט
מיין בליק האָב איך געריכטעט,
ביז דערזען כ'האָב מיטאמאָל
גאָר גרויליקע קאַרטינעס:
אייראָפּעס יאָמער־טאָל,
פיל חרובע מדינות,
און ברוכווארג, שטויב און רויך
האָבן בולט זיך געמאָלן
אונטער לבנהס „זילבער בלייך",
ווי סקעלעטישע קופּאָלן;
און מיין הארץ האָט ניט געפילט
זיך צעזונגען מיט כוונה,
דאָס בלוט האָט נאָר געקילט
אונטער אַזאַ מין סאָרט לבנה;
און ס'האָט צאָרן זיך געשפּאַרט
דורך אַלע מיינע גלידער;
ס'האָט מיין הארץ נאָך בלוט געגאַרט
פאַר דעם בלוט פון מיינע ברידער.

די זעקס־טאָגיקע מלחמה

אום צו זינגען פון פרילינגס, פון גרעזעלעך, קווייטן,
דאַרף איינער איצט האָבן דעם פולס פון אַ טויטן.

און איך גאָט צו דאַנקען בין לעבעדיק וואַך
און וויל זיך נישט נעמען צו אַזאַ מין סאָרט פאַך...

פון די רוישיקע פליגל וואָס שניידן די הייכן
צעברויזט זיך מיין בלוט ווען כ׳זע דעם ✡ צייכן.

ווי מעכטיק ער יאָגט זיך, ווי קונציק ער שלאָגט זיך,
און פלוצעם ער ווערט ניט — אין רוים ער פאַרטראָגט זיך,

און שוין קאָסעט ער פליגל פון אַ שפּאַרבער אַ רויטן,
צינדט אָן אים אין פלאַמען, באַהאָגלט מיט שרויטן.

דאָס זיינען די הערלעכע גרויסע מינוטן
פאַר יידישע דיכטער, פאַר פרייהייטס־רעקרוטן...

פון דעם זאָלן מיר איצט זינגען

װען קומען װעט די גרױסע שעה,
די װעלט װעט װערן פרײַ צוריק,
און יעדער שד און חיה רעה
װעט טראָגן אױף איר האַלדז אַ שטריק,

דאַן װעלן מיר די קריגס-געצײַג צעבערעכן,
דעם שפּיז צוגלײַך מיט דעם האַרמאַט
און אױף די פעלדער פון פאַרברעכן
װעט אױפגײן בליִאונגס-אַראָמאַט, —

ר׳ לײב און שעפּס װעלן צוזאַמען
דאָס מאָל זיך פּאַשען גאָר ראַיעל —
אַמװײניקסטן אַהינטער צאַמען
ער זאָל ניט מערקן שעפּסל פעל —

נאָך דעם דאָזיקן נצחון
דערלױב זיך, ברודער, זײַן פּאַסיװ.
דערװײַל דעם שונאס קאָפּ און קנאָכן
זאָל װערן אונדזער הױפּט-מאָטיװ.

געטראכט און געזאגט

מיין צווייטער איך

ער שלאָגט מיר אָפּ די שוועלן,
זוכט מיין ברודערשאַפט.
ער וואָלט מיר אפשר פעלן,
ווען ער קומט נישט אַזוי אָפט.

דו קענסט אים, לעזער, זיכער,
דעם אינערלעכן רוח.
ער איז קיין העלד פון ביכער —
ער איז דער צווייטער איך.

ער ברענגט מיר אָן ראַפּאָרטן
פון מענטשן אַלערליי
און וואַרפט זיי אָן ווי קאָרטן
און טאַדלט אַלץ נאָר זיי.

אָט דער איז אַ פּאַסקודניאַק,
דער צווייטער אַ נאַכאַל,
דער דריטער גלאַט אַ נודניק
וואָס שלאָגט ביז צו דער גאַל.

איך בעט זיך ביי אים: — „לויפער",
סם נישט דאָס געמיט;
איך קען זיי דאָך די טריפּע
און ווייך פון זייערע טריט.

עס העלפט מיר נישט דאָס בעטן.
און אָט: אַהאַ, ר'איז דאָ!
און „צייכנט" שוין פּאָרטרעטן
אין אַ מזלדיקער שעה.

— פּאַרנעם זיך, לײדאַק, גיכער!
צעשריי איך זיך אויף אים,
— גיי ערגעץ אַנדערש, קריכער,
און ווער מיט זיי אינגטים!

— דו ווייסט מיך קיינמאָל צאַמען,
צערעדט ער זיך שוין קלאָר.
— מיר זיינען איינס צוזאַמען:
דער חלום און די וואָר...

◆

קאַמף אויף קאַמף

יאָ, מיין פריינד, ס'איז קאַמף אויף קאַמף
— דער לאָזונג גילט היינט איבעראַל.
מ'האָט אויסגעביטן הארץ אויף דאַמף —
הארץ איז עפּעס צו באַנאַל...

איצט שאַנעוועט מען נישט קיין שוואַכע,
געפיל, מאָראַל, ס'איז ווערט אַ שפּיי.
אַ מענטש איז דער וואָס נעמט בלויז „ראַכע" —
נקמה שטייט אין ערשטער ריי.

אויב ס'טרויערט דיר דיין הארץ אין גלות,
זאָג אים שטילערהייט: גיי אוים!
הערצער פירן צו מפּלות,
זיגן זיגט דער קולאַק בלויז.

ווילסט וואָס זאָגן? אומזיסט די רייד —
שלאָגן איז דער לעצטער טאָן.
מען האָט שוין אַלץ פאַר די פאַרגרייט;
אָט נעם די פירער, קוק זיי אָן!

ווערטער הילכן ווי קאַנאָנען,
בוים און שטיין עס שלעפּט אַלץ מיט.
ס'האָבן פרייהייטס-גייסטער וועטעראַנען
זיך אויף אַלע פראָנטן איצט צעבליט...

יאָ, מיין פריינד, ס'איז קאַמף אויף קאַמף
— דער לאָזונג גילט היינט איבעראַל.
מען האָט אויסגעביטן הארץ אויף דאַמף —
די וועלט איין פולווער-אַרסענאַל.

◆

דער רעצעפט

.1

ווען דיין גייסט ווערט אויסגעוועפט,
צי הערט אויף ווי א לאווע זידן,
איך פאַרשרייב דיר דעם רעצעפט —
נעם עס, פריינט, „ס'איז גוט פאַר יידן".

טראָג זיך אָפּ געזונטערהייט
און זיי נישט בייז אויף די וואָס לעבן...
דערקלער זיך צייטווייליק פאַר טויט
און קום צוריק, ווען דו קענסט וואָס געבן.

ס'ווערט אויסטויש איינגעפירט אויף אַלץ,
מען וועגט און מעסט דיך אָפּ אויף גיך.
דאָס לעזערל, ער דאַרף דיין שמאַלץ,
דיין הויט און ביינער האַלט פאַר זיך...

.2

ווי די קאַסע, וואָס קאָסעט בלויז גראָז,
ווי נוצלעך זי זאָל אונדז ניט זיין;
ווי שרעקלעך זי ווערט מיטאמאָל,
ווען זי פאַלט אין דער האַנט פונעם מערדער אריין.

אַזוי איז היינט אויך מיט לערע און חכמה,
זי איז מסוגל צו ברענגען די גרעסטע געפאַר,
ווען איר גלאַנץ און איר שאַרף ווערט דאָס וועקצייג
אין דער האַנט פון באַרבאַר.

צו דער מוזע

כ׳האָב אָנגעכאַפּט דעם פאָדעם
פון אונדזער דולער צייט,
און כ׳ריים פון איר די בגדים —
באַוויַיז איר העסלעכקייט.

— מעגסט, מוזעלע, מיך ריכטן,
אויב מיין ליד האָט ווייניק חן;
דער איצטער הייסט גאָר דיכטן
מיט נעגל און מיט ציין...

◆

צו די „חברים"

אָ, זינדיקע ברואים, מיט אַזוי פיל חטאים,
האָט איר זיך פאַרקליידט אַז כ׳דערקען אייך ניט מער:
עפּעס זייט איר קיין יידן און אויך ניט קיין גויים,
נאָר גלגולים פון עפּעס אַ משומד און גר.

אַט פּרעדיקט איר ליבע און אַט שרייט איר נקמה,
אַ שלאַנג מיט אַ טויב ווערט אין אייך קאָמבינירט;
אַט באַזינגט איר די שווערד און צוגלייך די נשמה,
און אַלץ קומט אַרויס ביי אייך מאָדנע פאַרווירט.

איר רופט צו פּראָגרעס, צו קעמפן און שטרייטן,
און אַליין ווי די ראַקעס איר קריכט אויף צוריק.
איך פרעג זיך פיל מאָל: וואָס זאָל עס באַדייטן?
איך פרעג זיך: וואָס מיינט היינט צו טאָג באָלשעוויק?

איך זאָג זיך: איר זענט שוין ביי מיר קיין דערלייזער,
קיין פאַקל-צעטרעגער, קיין מאַרטירערביים פאָלק;
און ווי אַ זייגער, אַן איבערגעדרייטער — אַן ווייזער —
גייט איר אויסער דער צייט, און איר קלאַפּט אָן אַ טאָלק.

◆

אייביקער גראָם

ס׳איז נאָך דער גראָם נישט אַרוים פון די ברעגן,
נאָר אַ סימן דערויף איז שוין פאַראַן...
און פונקט ווי עס דרימפּלט דער רעגן
אויפן דעק פון אַ בלעכענער פאַן.

וועלן זיך גראַמען אין ימען צעשטראָמען
איעטוועדער גראַם אַן אַנטיק;
נאָר אַ יאָלד וועט דער הייסן ביים נאָמען,
וואָס וועט וואָגן זיי טרייבן צוריק.

זאָלן זיי גיסן און פליסן ווי רינשטאָקס,
זאָלן שרצים זיך פּלאָדיען אין זיי;
ס׳איז דאָס לעבן קיין האָניק פון בינשטאָק.
טאָ, וואָס אַרט אייך, אַז עס גראַמט זיך אַזוי?

עס גראַמט זיך אַזוי ווי עס לעבט זיך,
און ווי עס לעבט זיך דאָס ווייסט איר אַליין.
צומאָל גייט עס פאַרוים און אָפט שלעפּט זיך —
ס׳איז אַן אייביקער „יאָ" מיט אַ „ניין".

◆

דער זעלביקער נאַר

דער זעלביקער נאַר,
דער זעלבער שאַבלאָן:
דער טאָן איז קיין טאָן
און אַלס צוגאָב וואולגאַר.

ווער דערפון ס׳געניסט,
באַקומען זאָל אים וואויל.
כ׳האָב אויך פיינט דאָס מיסט,
וואָס קלעפּט זיך צו מיין זויל.

◆

קונסט

געדאנק איז דער ליכט-זייל אין מענטשלעכן לעבן, —
ער קומט אומדערוואַרט און איז איינפאַך געפאַסט;
ער העלפט אים אַ לעצטן סך-הכל צו וועבן
פון אַלץ וואָס ער ליבט און ער האַסט.

דאָס וואָרט איז קאַפּריזנע צו מענטשנס פאַרלאַנגען,
דאָס אָפּבילד שוועבט אום פאַרן אויג פאַרהילט.
בלויז יענער וואָס זוכט עס, ער וועט עס שוין פאַנגען
און וועט שוין אויך טרעפן מיט דעם וואו ער צילט.

געפיל קומט מיט שטורעם, ווי אַ ריטער אַ בראַוווער —
אין אומרו ווערט אָפּט דאָך די לאָגיק צעגליט.
ער שמעלצט אַלעם איבער — באַפרייט אונדז פון זשאַווער,
וואָס צייט האָט פאַרלייגט אינם בלוט און געמיט.

די קונסט וואַקסט אַרויס פון דעם לייבלעכן דריילינג,
בלויז דאַן ווען זיי ווערן האַרמאָניש פאַרוועבט;
זי דאַרף מער ניט זוכן בלויז חומר-פאַרווייַלונג —
איר טבע איז ווערן פון אַלצדינג באַלעבט.

◆

די זאָזוליס

די ליבע זיסע טרעלן,
וואָס קומען פון די פייגל —
וואָס טרוימען בלויז פון קרעלן
און ווינקען מיט אַן אייגל —

היטן זאָלסט זיך ליבער,
פאַר זייערע שנאָבוליעס;
אָפט פאַלט דער גרעסטער גיבור
פאַר די דאַזיקע זאָזוליעס...

◆

קונסט־טעאַטערײַ

אין זיינע געשטאַלטן
זע איך באַהאַלטן
אויסטערלישע טיפּן —
אָן קעפּ, אָן פּרצופים,
נשמות און גופים,
אָן ביינער, אָן ריפּן.
כניאָקעס און יאָלדן,
הערהאָלדן מיט טראָלדן,
בעקעשעס מיט פּאות,
בעל־שמס מיט קמיעות,
כהנים מיט קיטלען,
גבאים מיט קוויטלען,
מלמדים מיט טייטלען,
ווייבער מיט שייטלען;
משיחים מיט גאולות,
פאַרזעסענע בתולות,
בטלנים־שדכנים
און סתם זיך נאַראָנים.

און איך פרעג:

פון וואָס פאַרא העק
זיי זיינען געקומען?
וואו האָט ער גענומען
דאָס שיינע געפּעק —
די גרויסע גאַלעריע,
וואָס שטעלט דאָ צוזאַם
די משונהנע אימפּעריע,
דעם נאָבעלן שטאַם?
די איידעלע זיטן,
דעם אייביקן חן,
וואָס פאַלן ווי בליטן
פון יעדן פאַרשוין?...

און איך זאָג:

איך ווינטש אים פון טיפן
פיל יאָר פון דערפאָלג,
ער זאָל זיי דערשיפן
צו עפּעס אַ טאָלק...

אַזוי איך זאָל וויסן
וואָס יעדער העלד וויל
און כ׳זאָל אויך געניסן
די פּראַכט פון דער שפּיל.

◆

קריג און פרידן אויף יוניאָן סקווער

אַרום דעם גרויסן מאָנומענט,
וואָס איז אין אויסדרוק פול ביז גאָר;
וואָס שטעלט אונדז פאָר אַ פּרעזידענט
אויף פערד, מיט לאַנגן שווערד און שפּאָר.

אַרום אים הייסע „קריגער-לייט"
ווימלען טעגלעך נאָכאַנאַנד;
מען אַמפּערט זיך, מען הילכט, מען שרייט
און מען קריטיקירט איעדעם לאַנד...

מען שאַנעוועט קיין פּרעזידענט,
פון קעניגע — שוין אָפּגערעדט...
און נישט ווייניק קראַפט ווערט דאָרט פאַרוועגדט,
צו מאַכן איינעם פּראָ-סאָוועט.

און עס דוכט אָפט ווירקלעך ס׳איז שוין קריג,
ווייל אַלצדינג איז דאָרט אַגרעסיוו;
אַ נס די טויבן הין און קריק —
מאַרשירן אום דאָרט גאַנץ פּאַסיוו...

און ביזנעס, ווי געוויינלעך, זידט,
פון „אַרבאַכס", „קליינס" — מען קומט, מען גייט;
און אויטאָ-באָסן אויף טריט און שריט
אַהיימצופירן שטייען גרייט...

◆

ביי מיר אין גאַס

דאָס פייגעלע באַווייזט זיך ווידער
און איז שוין ווידער גרייט צו זינגען,
נאָר ביי מיר אין גאַס, מיינע ליבע ברידער,
איז נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אַצינד —

אויטאָס, פייערלייט, עקספּרעסן
יאָגן זיך פאַרביי און קלינגען,
און ראַדיאָס פון אַלע זייטן
בילן רק ווי טשאַטעס הינט.

און אומעטום, וואו אַ הויז, אַ גאַניק,
ביי לאַמטערן-סלופּ, צי אַ טראַקטיר,
קריכט אין נאָז דער זיסער „תענוג" —
דער פרייער בירגער שטינקט פון ביר.

ס׳איז יום-טוב היינט, דער טאָג פון רוען,
נאָר זעט וואָס טוט זיך אין מיין קאַנט:
דער שומר אין זיין אָנצוג בלויען
פּאַסט-אויף, אַז אַלץ זאָל זיין קוראַנט.

און עס זוכט קליענטן די נקבה,
איר הייליקייט צום אויספאַרקויף,
זי שווימט אין גאַס ווי נחס תבה
און ס׳דוכט זיך טאַקע ס׳איז איר יום-טוב.

◆

אין דער וועלט פון פליטער־פלאַטער

יעדע זאַך האָט זיך איר טבע,
יעדע בריאה איר געשטאַלט;
איבער ימען שרייט די מעווע,
ס'זינגט דער נאַכטיגאַל אין וואַלד.

און דער האָן פאַרמאָגט אויך פליגל,
חלומט אויפן בוידעם אויך —
צי איז ער ניט אַמאָל מסוגל,
אויך צו פליען אין דער הויך.

אויב אַז קרייען קרייט ער ערלעך,
טוט עס פינקטלעך אין דער צייט:
אפשר איז עס גאָרניט שווערלעך
ווערן איינער פון די לייט...

אויך דער גאָנער זוכט זיך האָנאָר,
גראַגערט פון זיך נאָכאַנאַנד;
ווערט צומאָל אַ שטאַרקער מאָנער,
ווען מען שאַצט ניט זיין טאַלאַנט.

ס'הייסט, ווי גרייכט צו אים דער קאַטשער,
אָט דער פלוידערזאַק אָן זין?
אָט דער פוסטער פליגל־פאַטשער,
וואַקלט דאָך אי הער, אי הין...

העפלעך, שטיל, אָן אַרגומענטן,
קומט דער ראָב אַריין אין מיט.
— אויב מען רעדט דאָ פון טאַלענטן —
בין איך דאָך דער, וואָס זינגט און פליט.

לכבוד פסח

צו פסח איז ניט ווייט;
פאַרליר נישט, גאָט, קיין צייט
און באַווייז דער וועלט דיין פנים!
די מכות פון אַמאָל
טייל אוים אין גרויסער צאָל
אונדזערע שונאים, די גזלנים!

באַפריי די וועלט אויפסניי
פון קנעכטשאַפט, טיראַניי,
פון שרצים אין מונדירן
און דיין פאָלק, וואָס אונטערגייט,
איבער גאָר דער וועלט צעשפּרייט,
גיב קראַפט צו עקזיסטירן!

דאָס בלוט אויף יעדן טראָט,
וואַש אָפּ, אָ, גרויסער גאָט,
און באַדעק די ערד מיט בלומען!
און מיט דעם פרילינגס-רוף,
זאָל אין אונדזער הארץ און גוף
די אויפלעבונג אויך קומען!

◆

צו איינעם אַן עסטעט

הער נאָר, פויגל, דיינע לידער
זיינען אפשר גאָלע קונסט.
ווייסטו אָבער ווי דערווידער
ווערט די פויגל-מילך שוין אונדז?

וואָס מיר דאַרפן איז אַ כאָר און
אינסטרומענטן אַלערליי,
און נישט קיין הענדל מיט קיין שפּאָרן
וואָס גיט פון צייט צו צייט אַ קריי.

◆

גאָט העלף אונדז און וואָס גיכער

קרוינעלעך, הערצעלעך, זאָגט מיר, פון וואַנען
נעמען זיך אַזוי פיל ביי אונדז דעזערטירן ?
וואָס טוען רק קלערן און טוען רק פּלאַנען
ווי דעם אייגענעם ברודער דאָס פּנים פאַרשמירן !

אָט די אַלטע שונאי ציון און רעפאָרמירטע העכטלעך —
צי זיינען זיי כיטרע, צי בייזע נאַראָנים ?
צי זיינען זיי פּשוטע פאַררעטערישע קנעכטלעך,
וואָס דינען מיט ליבשאַפט אונדזערע בלוטיקסטע שונאים ?

דער קאָפּ ווערט צעשפּאָלטן, דאָס האַרץ ווערט צעריסן,
ווען מען טראַכט פון די דאָזיקע „בנים גדלתי"
אָ, מיין פאָלק האָט געגאָלטן פאַר אַ פאָלק פול מיט וויסן,
וואָס האָט דיר געטראָפן אויף די יאָרן די אַלטע ?

צי איז שוין פאַרטריקנט דער זאַפט פון דיין באָדן ?
צי האָסטו פון וואָרצלען שוין מער ניט קיין סימן ?
אָ, רבונו של עולם, אַלמעכטיקער אדון,
נישט דערלאָז די נאַראָנים אונדזער גורל באַשטימען !

◆

פּאָעמעס און אמת

ווען פּאָעזיע איז אַנטשטאַנען,
האָט דער מענטש נאָך נישט פאַרשטאַנען,
צו וואָס פאַר אַ געברויך זי איז ;
נאָר בּיסלעכווייז, אין לויף פון יאָרן,
איז ער עמפּינדלעכער געוואָרן
און זיך פאַרליבט אין איר קאַפּריז.

איצט קען ער שוין אַ ליד אָפּשאַצן,
לאַנג און קורץ געהאַקטע זאַצן.
ס'איז אים מער קיין אונטערשייד ;
נאָר איין זאַך קען ער ניט דערגרונטן —
צו וואָס פּאָעמעס גאַנצע פונטן
און פּאָעזיע אמת ניט קיין לויט.

מה זאת לנו?

מיר זיינען אַ פרידלעך פאָלק,
און דאָס איז קיין לעגענדע;
דאָך צו פיל יידלעך אַן שום טאָלק
פירן ביי אונדז גרענדע.

זאָגט איינער — נאַכט, דער צווייטער — טאָג,
דער דריטער — בין השמשות;
און ס׳וואַקסט אַלץ מער און מער די פּלאָג
פון רייד און פוסטע דרשות...

זאָגט איינער — ווייס, דער צווייטער — שוואַרץ,
דער דריטער — פּאַפּעליאַטע;
אַ, גרויסער גאָט, עס פּלאַצט דאָס האַרץ
פון זיי. וואָס שווייגסטו, טאַטע?

מיר זיינען דאָך דיין פרידלעך פאָלק,
קיין בלוט אויפן געוויסן,
פאַרוואָס זשע לעבן מיר אַן טאָלק
און צווישן זיך צעריסן?

◆

דער שד

דער מענטש האָט אויפגעהערט צו טרוימען
און גענומען זיך צו טאַט;
ער שפּרינגט אַריבער אַלע צוימען
און זאָגט, ער דינט דערמיט זיין שטאַט.

דער שד פון אונדזער צייט, להכעיס
זיין אפּוטרופּוס גיט אים מוט;
דער שד פון אונדזער צייט קלייבט נחת
צו זען די ערד פאַרוויקט אין בלוט.

◆

דער אמת

דער אמת — אין פּאַמפּלעטלעך,
איר דאַרפט אים מער ניט זוכן;
עס האַנדלען מיט אים שרעטלעך
און גייסטיקע יעוונוכן.

און עס כאַפּן אים נאַראָנים,
וואָס קענען לייכט זיך בוקן;
ביז דאָס לעבן קריגט אַ פּנים...
(נישט דערלויבט צו דרוקן).

◆

אַ שמחת־תורה־ליד

ס'וועט נאָך זיין אויך פרייד גענוג,
אַבי געזונט, אַבי געזונט!
קלאַפּ דערווייל אַרום דעם שפּונט
און גיס מיט וויין אָן פול דעם קרוג.

פאַלן וועט נאָך שנאה, האַס,
ווי דער פּלשתי פון די פיס,
גיס דערווייל אָן און געניס,
זיי נישט אויף דער וועלט אין כעס!

„נאָך אַ רעגן שיינט די זון",
זאָגט די וועלט — און דאָס איז וואָר;
גיין וועלן אונדזערע שונאים
צו אַל־די שוואַרצע יאָר.

לחיים, ברודער, שטאַרק זיך, גלויב,
אַז יענע צייט איז שוין ניט ווייט!
און פון די אַלע וויסטע לייט
וועט בלייבן קוים איין זשמעניע שטויב...

◆

אין פיר שורות

.1

צו זיין געליבט איז זייער גוט,
דאָס ווייסט דאָך יעדער איינער;
דאָך צו זיין געהאַסט איז אויך צום מוט,
ווען דער שונא האָט קיין ציינער...

.2

די וועלט האָט זיך פאַרטראַכט אַצינד
(דער קאָפּ איז איר נאָך אַלץ פאַרבונדן);
צי זאָל זי ווידער זייען ווינד
און זיך זוכן פרישע וואונדן?

.3

און ביי די פרידן-זוכער ניט זוכט קיין טאָלק,
נעמט עס גוט אין אַכט;
זיי שטייען שטענדיק, דאַכט זיך, מיטן פאָלק,
דאָך שטימט ניט אײן — איז באַלד אַ שלאַכט.

.4

אויף דער וועלט איז אפשר נאָך באַגינען,
דריי פערטל נאַכט הענגט נאָך אויף איר;
און מיר אַלע זיינען דאָ פון זינען —
מיר מאָנען ליכט ביי איר.

.5

עס איז דער מענטש נאָך אפשר נישט געבוירן,
לויט זיין שפרינגען הין און צוריק —
האָט ער זיין מאַלפּע-עק פאַרלוירן
און בענקט נאָך אים אַצינד צוריק.

◆

וואו זייט איר, הערשער?

אַ ים מיט בלאָטע איז אונדזער שטאָט,
פינצטער איר געטורעם;
און וויסן ווייס אַליין נאָר גאָט,
וואָס היילט פון די יסורים.

צי וועט דער מענטש זיך ווען אַנטציקן?
צי וועט ער זיך דערזען?
צי וועט דער טייוול אַלץ דערשטיקן,
ווי קיינמאָל נישט געווען?

צום אָפּגרונט פאַלן מיר אַלץ טיפער,
קיין אָפּהאַלט מער ניטאָ;
דער ווייזער ציט צום לעצטן ציפער —
אַט־אַט, די לעצטע שעה!

וואו טיפּט דער וואָרצל זיך פון שנאה,
פון האַס און סם וואָס ער פאַרשפּרייט?
און וואו איז דער האַר פון דער מדינה,
צי באַנעמט ער עס, צי ער פאַרשטייט?

אַז אַ ים פון סם פאַרפּלייצט די שטאָט,
אַ זומפּ פון שרצים אַלערליי;
ניטאָ קיין חסד מער, קיין גנאָד,
קיין הילף צום הילפלאָזן געשריי.

וואו זייט איר, הערשער פון דער מדינה?
צי זעט איר דען נישט דייטלעך, קלאָר,
ווי דער טייוול דרעשט מיט דער דובינע
און ברענגט באַלד אום דעם לעצטן דור?

◆

ווי סיבאַדאַרף צו זיין

ווען ווערטער קומען קרעפּטיקע
און נאָך זיי מעשים העפּטיקע —
אויך אין דער דעמאָקראַטיע;

און ווען טאַנקען ווערן ריריקע
און קרייצערס ברומען ליריקע,
איז מיט זיי מיין גאַנץ סימפּאַטיע.

ווען פון האַרמאַטן פייער־שפּרעכיקע
שטראָמען רויכן פּעכיקע
צום מערדערס טעריטאָריע...

דאַן ווערט די וועלט אַ גלייביקע,
אַז די פרייהייט לעבט אַן אייביקע
און נישט בלויז קיין טעאָריע.

◆

אָנקל סעם זינגט

וואָס מיר קענען, קינדערלעך,
וועלן מיר דער וועלט באַווייזן,
דערווייל הערט ווי וואונדערלעך
עס קלינגט דאָס שטאָל און אייזן!

איצט באַנעמט די וויכטיקייט
פון קופּער, צין און מעשן!
אין זיי ליגט קראַפט און ליכטיקייט,
וואָס מען קען קיינמאָל ניט פאַרלעשן.

◆

דאָס אייביקע פליען און פאַלן

דער מענטש וועט מער ניט פויזען —
די צייט איז שוין פאַרביי,
און מיילן אין די טויזנט
ער פליט היינט פראַנק און פריי.

אויך ענדלעך איז פאַרווירקלעכט
זיין וואונטש — פון לאַנג געטרוימט;
ער דאַרף זיין איבערגליקלעך —
זיין קראַפט איז אומגעצוימט.

דאָך טוט אים מער איצט וועקן
איין פראַגע נישט געלייזט:
אין דער וועלטס אַלע עקן
ער האָט שוין דורכגעקרייזט.

דאָך ווי זאָל ער זיין גאָר מונטער
און גרויסן זיך דערמיט? —
ווען ער פאַלט גאָר היינט אַרונטער
פיל גיכער ווי ער פליט.

◆

איזם־שיזם, פריילעך, האָפּ!

טומל זשומל, חבר ליבער,
איזם-שיזם — פריילעך, האָפּ!
נאָר קער די וועלט דערוויל נישט איבער,
לויט דיין אופן קאָפּ-אַראָפּ...

ס'האָט דיין איזם נישט באַוויזן
דאָס וואָס ס'האָט זיך דיר געדאַכט;
ס'האָבן דיינע גייסטער-ריזן
איינגעשרומפּן איבער נאַכט...

◆

לייט פון דער צייט

.1

ער האָט דערטאַפּט דעם טאָן פון „מאָנע״,
שרייבט ער לעצטנס מאָנע-טאָן
און אוים מיט „זאָנע״ און לבנה —
ס׳גייט אים מער קיין זאַך ניט אָן.

און אוים מיט פריינטשאַפט און מיט ליבע,
דאָס וואָרט אַליין פאַלט אים צו שווער.
זיין האַרץ איז ווי אַ פוסטע הרובע,
וואָס ברענט נישט מער און לויכט נישט מער.

זיין שיינקייט-תאוה שוין אַ וויאַלע;
געלערנט האָט ער דעם באַדייט,
אַז מענטשן וויכטיקע רעאַלע
פטרן נישט אומזיסט קיין צייט.

.2

ער איז אַ פיינער באַלעבעסל
און באַנעמט זיך דעמאָקראַטיש.
אויך די פענסנע אויף זיין נעזל
זיצן עכט אַריסטאָקראַטיש.

נאָר קוים באַוועגט ער מיט זיין צינגל,
וויל מיט עפּעס וואָס סורפּריזן,
ווערט ער גלייך אַ נאַריש יינגל,
וואָס וויל פאַרגלייכן זיך מיט ריזן.

◆

ווער איז ווער?

אונדזער וועלט האָט שרייב-געצייג אַ סך,
און שרייבער נאָך מער, קיין עין הרע;
און וואָס עס איז שייך אַ ביסל שפּראַך —
איז קיין שפּראַך היינט קיין עקרה...

איז דוכט זיך, גוט, דאָך טויג עס נישט,
זיך צונויפרעדן ווערט נאָך מער שווער;
מען האָט די יוצרות שטאַרק פאַרמישט,
אַז ס׳ווייסט ניט דער מענטש ווער איז ווער...

צי דער איז גרויס וואָס רעדט אַ סך
און שיסט אַרויס עס מיט אַ קנאַק,
ווי ער וואָלט פאַרפאַסט אַ ניי תנ״ך
און דעם אַלטן שוין געשיקט אין בראַק?...

צי דער וואָס שרייט און שטראָפט אָן מאָס,
די קליינע מענטשעלעך פון טאָל,
און וויכערט יעדן מיט פאַרדרוס,
וואָס גלייבט ניט אין זיין נביא-קול?...

צי גאָר דער וואָס שווייגט פאַרטיפט,
בלויז צייטנווייז אַ וואָרט ער רעדט,
ער זאָגט: די וועלט איז פול מיט שריפט,
נאָר וואו איז ערגעץ דער פּאָעט?...

◆

דער צעטומלטער משורר

ער האָט געזונגען און געזונגען
לידער, אַלערליי ראָמאַנסן.
ס'איז אים קיין זאַך ניט געלונגען,
דאָך האָט ער געגלויבט אין שאַנסן.

ער האָט געשריבן און געשריבן,
בלייערס, פענעס פיל צעבראָכן.
די הויט פון פינגער אויסגעריבן,
דאָך — נאָך אַלץ געהאַט בטחון.

ער האָט געלעזן און געלעזן
פון גייסט געוואָלט זיך מאַכן וואָפן.
קיינמאָל — נישט געמאַכט קיין וועזן,
ווער עס האָט דאָס ווערק געשאַפן.

ביז ער האָט אָנגעהויבן פילן,
ווי אַ שיכור ביי דעם צאַפן,
ווי ס'שפּרינגען אים אין מוח גרילן
און זיין מוזע האַלט ביים „פּלאַפּן".

דאַן האָט ער זיך אַזוי צעטומלט
פון דער גרויסער ביכער־דאָזע.
כ'האָב געטראָפן אים אַנומלט —
רעדט ער שוין צו זיך בלויז פּראָזע...

◆

אַ לעקציע פאַר זיך און פאַר יענעם

ערשטנס, ווען דו שרייבסט אונדז לידער,
שרייב וואָס מערער פון דער צייט.
ווער אונדז, ברודער, נישט דערווידער
מיט דער בידנער אייביקייט...

הער זיך שטאַרקער צו צום טרויער,
ווען ער גרייפט אונדז אַלע אָן,
און אויב דו האָסט אַ פיינעם אויער,
מאַך אים פאַר אַ דיקטאָפאָן.

וואַרף פון זיך דעם „איך" פון יחוס,
וועלכער יחוסט זיך שוין לאַנג.
וועק וואָס וויניקער צו סליחות,
וועט מען הערן דיין געזאַנג...

האָב אין זינען אויך דעם לעזער,
גיב איין קלאָרקייט אין דיין ווערק;
ווייל ער איז נישט קיין כינעזער,
פונקט ווי דו ביסט נישט קיין טערק...

לויף נישט צו פיל נאָך דער ליריק,
ווייל זי איז אָפטמאָל גאָרנישט דאָ;
אָט מאַכט זי, דוכט זיך: טשיריק-טשיריק,
מיטאַמאָל איז זי גאָר אַ קראָ...

למען השם פאַרגעס צו בענקען
(בענקשאַפט האָט אין קונסט איר אָרט).
אויב דו וועסט עס אַלץ געדענקען
וועט מען בענקען נאָך דיין וואָרט...

◆

צו די „ריינע" קינסטלער

ווי צו אייך, איר קינסטלער „ריינע",
מיט אייער ראָזעווער וועלט צוזאַמען —
פּונקט ווי קינדערלעך, ווי קליינע,
שפּילט איר זיך מיט שיינע גראַמען!

און פּאָר שורהלעך געטאַקטע,
זוכט איר ווער ס'זאָל אייך באַלוינען.
ווי, צו אייך, נאָך נישט געפּאַקטע
און נישט געמאָזלטע פאַרשווינען!

ווען ווילט איר עס דערפרישן
מיט אייערע אויסגעטרוימטע קוויטן?
ווען איבער שעפערס אַלע טישן
באַלעבאַטעווען די נויטן...

◆

גיט אַכטונג

איך זאָג אייך ברידער, ליבע ברידער,
איך קען אייך גאָרנישט איבערגעבן,
ווי פאַרשיידנאַרטיק עס זיינען לידער,
וואָס האָבן אין זיך בלוט און לעבן.

דאָס זיינען מענטשעלעך מיט שטריכן,
וועלטעלעך פאַר זיך אַליין;
מיט געקרויזטע קעפּלעך, אויך מיט פליכן,
מיט באַקציינער און אויך אָן ציין...

מיט הענט און פיס, און אויך ווי ברואים,
וואָס בלאָנקען אויף צוויי מאָל צוויי...
מיט מעשים-טובים ווי אויך חטאים,
מיט פרייד, מיט אומרו און מיט וויי.

איין זאַך, כ'בעט אייך, דיכטער ברידער,
מבינים, אָפּשאַצער פון וואָרט:
גיט אַכטונג, ווען איר שאַצט אָפּ לידער,
באַגייט באַציייטנס ניט קיין מאָרד!

לאָמיר וויסן

שטאַמלען סתם — דאָך ניט קיין מוז,
פּלוידערן — קיין טוגנט ניט.
לאָמיר וויסן „וואָס איזט לוז"
מייסטער פונעם וואָרט און ליד.

ווי פילט זיך עפּעס אייער מוזע,
אין שווערע טעג פון נייעם יאָר?
צי טראָגט זיך נאָך איר פּראַכטפולע בלוזע?
צי דופטן זים נאָך אירע האָר?

צי קושט איר נאָך איר שיינעם שטערן;
איר מויל וואָס גליט ווי אַ פייער־רויז?
און ווער פון אייך טוט מער געבערן:
זי — דעם יאָלד, צי איר — די מויז?

לאָזט גיך הויך הערן, הויך־געשעצטע
קינסטלער פון געדאַנק און וואָרט,
ביז עס קומען אָן די לעצטע
כוואַליעם נייע פון בלוט און מאָרד.

◆

פילאָזאָפיש געדברט

.1

ס׳האָט אַ כאָכאָל געזאָגט אַמאָל
אַ גאַנץ געלונגען וואָרט:
די שענסטע מאָרדע גאָל נישט גאָל,
עס וואַקסט איר אַלץ אַ באָרד.

אַזוי איז אויך די ווירקלעכקייט,
מען פּוצט זי און מען גלעט;
דאָך וואַקסט איר אַלץ אַרויס פון צייט צו צייט
דער אַף פון איר פּאָרטרעט...

.2

אַזוי איז דאָס לעבן:
(דו זאָלסט מיר פאַרגעבן
פאַר אַזאַ מין פאַרגלייך),
ס׳איז אַ שמוציקער טייך!
בלויז אַ ביסל פון אויבן,
מאַכט דיר צו גלויבן,
אַז ס׳איז דורך און דורך ריין...
נאָר קוים רירסטו פונאַנדער
הייבט אָן אַלץ באַנאַנדער
אין בלאָטע פונאַנדערצוגיין.

◆

מיין טעמע

ס'איז מיין טעמע אַן אַלט־באַקאַנטע,
ס'ווייס היינט יעדערער פון איר;
ס'ווייס די באָבע, ס'ווייס די טאַנטע,
ס'ווייס שוין באַלד אויך דאָס פּאַפּיר.

דאָך זי בעט, ווי מיט רחמנות:
נעם און שרייב עס נאָך אַ מאָל!
מאַך עס קורץ און אָן הכנות
און לאָז זיך הערן אויפן קול!

זאָג זיי פּראָסט, זיי זאָלן וויסן,
וואָס זיי ווייסן שוין אויפסניי,
זיי זאָלן וועקן זיך ס'געוויסן
און זיך צוהערן געטריי

צו די קרעכצן, צו דעם יאָמער,
וואָס קומט אָן פון יענער זייט ים,
און וואָס שנעלער און פולקאָמער
טראָגן הילף צום אייגן שטאַם!

די טעמעס, אמת, זיינען אַלטע,
דאָך די וואונדן ניי און גרויס;
איז זייט קיין לונג־און־לעבערס קאַלטע —
קיין געלעגנהייט לאָזט אויס!

זאַמלט ניט וואָס מערער, מערער,
נאָך און נאָך, און ווידער נאָך!
מאַכט אַ ביסעלע זיך שווערער
און מאַכט גרינגער זייער יאָך..

◆

וועגן קונסט

פּאַרטייען־קונסט איז טייל חניפה,
איר אמת־טאָן וועגט קוים אַ לויט;
און דאָס ביסעלע חריפות
טונקט זיך אין אַ ים פון רייד.

זעט אויס אַז אירע פּאַך־פאַרשטייער
זאָרגן ווייניק פאַר איר ווערט;
זיי ווייסן, אַז זייער קונסט־פאַרדייער
קייט שוין לאַנג ביי זיי די ערד.

קונסט איז אפשר אומבאַשרייבלעך,
כאָטש מען שרייבט פון איר אַ וועלט;
צי זי איז מענלעך, צי איז זי ווייבלעך,
איז נאָך אויך ניט פעסטגעשטעלט.

דאָך איר פראַכט און קראַפט צו שפּירן,
מוז מען זיין אַ מאַן — אַ גאָט;
ווייל סתם מיט רייד זי דעפינירן
קען היינט יעדער אידיאָט.

ווען דער מאַן שאַפט אַמוניציע

ווער זאָגט אַז קיין ליבע איז פאַראַן?
אָט ווער איך גאָר פּלוצעם געוואָר —
זי איז פאַרליבט אין איר אייגענעם מאַן,
זאָל עס זיין גאָר אויף לאַנגינקע יאָר...

אַ מלאך איז ער איצטער ביי איר,
אַ מלאך וואָס לעבט אויף דער ערד...
זיין פאַרברענגען מיט איר אויף שפּאַציר
האָבן ממש מאַיאָנטקעס די ווערט...

ער עפנט גאַנץ אָפט איצט דעם טאַש
און פרעגט איר: ווילסט האָבן אַ קלייד?
צי גלוסט זיך דיר אפשר, אַ נאַש?
טאָ קום, דאַרלינג, אַריין דאָ אין קלייט.

צי אפשר גאָר אַ שאָו?
און שוין איז ער „רעדי״ צו גיין,
און בילעטן אויף „פוירסט ראָו״ שוין דאָ,
און זיין איינלאַדונג קלינגט אַזוי שיין.

פאַר אַזאַ מאַן מוזסטו האָבן רעספּעקט
און ליבע, ווי אויבן דערמאַנט...
ער קלעקט, און פאַר פרייד אויפגערעגט —
זי רופט אים: מיין ליבער „דופאַנט״!...

◆

געבעט

אַ, האָב שוין גרויסער גאָט רחמנות
אויף דיינע וואָגלער אומעטום;
און פאַרטיליק גיכער, אָן הכנות,
די טומאה פון דעם אַריערטום!

אַ דונער מיט אַ בליץ צוזאַמען
שיק דאָרט, וואו נאַצי שטעלט זיין טראָט,
אַז אויפגיין זאָל אין רויך און פלאַמען
יעדער אכזר און דעספּאָט!

שטייט אַ דעמב ווי אַ גרינע כמאַרע

ביימער האָבן אויך נשמות,
אָטעמען מיט אונדז צוגלייך,
פירן אויך צומאָל מלחמות,
ווילן וואַקסן שלאַנק און גלייך.

שטייט אַ דעמב ווי אַ גרינע כמאַרע
און טונקט זיך אינעם בלויען רוים,
לעבן אים אַ קליאָן אַ דאַרער —
האַלט זיך אויף די וואָרצלען קוים.

קוקט דער דעמב אים אָן מיט ביטול
און קלערט: ס'פאַרשווין קוק אָן;
ס'גאַנצע נפשל מיינם אַ ריטל
און אָפּגעפליקט ווי אַ טויטער האָן.

און באַשטימט — ס'פּאַסט אים נישט זיין נאָענט
מיט אַזאַ סוכאָטניק צו שטיין,
שליידערט ער זיך צו אים און וואָרנט;
ער וויל דאָ בלייבן בלויז אַליין.

ביז ס'פאַלט דער קליאָן צו דר'ערד אַ טויטער
און צעברעקלט זיך אויף שטויב און זאַמד;
דער דעמב צעלאָזט די וואָרצלען ברייטער,
דערקלערט זיך קעניג פון נייעם ערד.

זינג, מיין האַרץ

נישט קיין וואַסער־פאַלן רווישן איבער מיר.
ס'איז אויך נישט דאַס גערויש וואָס קומט פון אַ קלאַוויר.
אַ זיסע מעלאָדי פון דינסטן קלאַנג געוועבט,
גיסט ווער אין מיין האַרץ אַריין,
און דורך מיין אָדערן געוועב
שוימט דאָס בלוט ווי ווייַן.

זינג, מיין האַרץ, עס וועט דיר סטייען
מוט און קראַפט פאַר זאַלבענאַנד,
כאָטש מיטן שיקזאַל פונעם מענטשן
ביסטו אַצינד שוין מער באַקאַנט.

זינג זשע ברייט אַרום די ליבע,
וואָס רייסט אויפסניי זיך אויף דער פריי;
זאָלן איינזאַמע דערפילן,
אַז לעבן איז נאָך אַלץ כדאי.

◆

מיין העלד

מיין העלד איז נישט קיין מערדער,
אויך פון טעאָריעס נישט קיין באַגרינדער;
דאָך קוילעט ער מיט ווערטער
דעם טויגניכטס און דעם שווינדלער.

ער קוקט זיי אין די צורות
און האַסט זיי, די פּאַיאַצן —
אָט די מאַכערס פון די שורות
און די שלייפערס פון די זאַצן.

זיין דראַנג איז צו פאַרניכטן
די „גייסטיקע גערזעלן",
וואָס חנדלען מיט געדיכטן
די באָרדעלן צו געפעלן.

◆

אַ תפילה

צו וואָס אַזויפיל צינגער
און אַזויפיל מחנות פירער,
אַ מאַך אונדז ס׳לעבן גרינגער,
דו אַלמעכטיקער רעגירער.

פאַרשנייד די פאַלשע נביאים,
וואָס שטראָמען פון פיל זייטן,
אַז אונדזער לעבן זאָל אַ קיום
כאָטש האָבן ווי פאַרצייטן.

שיק אונדז צו אַ וויסן
אַ ליכטיקן, אַ קלאָרן —
דאָס לעבן צו פאַרזיסן
נאָך אַזויפיל ביטערע יאָרן.

נאָך אַזויפיל בלוט-פאַרלוסטן,
וואָס ליידט נאָך אַלץ דיין אומה,
איר זאָל זיך מער ניט גלוסטן
צו זינקען אין דער טומאה.

שיק אונדז צו אַ פירוש,
פון דיר אַליין געגעבן,
און זאָל דיין פאָלק, דיין תורה-יורש,
דורך דעם אויפסניי אויפלעבן.

◆

ווי זאָגט רייזען

שפּילט זיך קינדער ליבע,
זאַמלט אין זיך פרישן כוח.
ווי זאָגט רייזען? — ס'איז קיין סיבה;
גרויסע שפּילן אויך.

קיינער איז ניט אייפערזיכטיק
אויף אייער גייסט און אייער נאָמען.
גייסט איז היינט ניט ליכטיק,
נעמען קריגט מען היינט אין קראָמען.

גאָלד און זילבער אייער שווייגן,
אייערע רייד נישט אָפּצושאַצן.
איר קענט אַזוי אין רייכטום שטייגן,
פון גאַרנישט בויען זיך פּאַלאַצן.

שפּילט זיך, שפּילט זיך קינדער זיסע;
זאַמלט וואָס מער שפּיל־געצייג.
אויב דאָס לעבן איז אַ תפיסה —
שפּילט ווי פייגל אין אַ שטייג.

◆

קשיות פון אַ גאַנץ יאָר

ליבער לערער מיינער, זאָג,
דיינע ענטפערס האָבן דאָך אַ שם:
פונוואַנען נעמט זיך עס די פּלאָג,
וואָס געוויסע יידן ליבן „העם״?

און פון קריסמעס-ביימלעך האַלטן זיי
ווי פון אָפּצאָלן אַ הייליק-חוב;
און איסטער אַ געפאַרבטע איי
כאַפּן זיי ווי אַן אבן טוב...

און אָווע-מאַריע זינגען זיי מיט שטאָלץ,
ווי מאַריעלע פון „בעטלעהעם״
וואָלט געווען אַ גרויס פּאַרנעם
און נישט קיין צנועהלע פון האָלץ.

און שיקסלעך ליבן זיי גראָד אויך,
מער פון אַלצדינג אויף דער וועלט;
און רעדן גוייש אַזוי הויך,
ווי ס׳וואָלט שוין יידיש אויסגעפעלט.

און „אָיסטערס״ שלינגען זיי פלינק,
ווי קאָמעדיאַנטן רענדלעך גאָלד;
כאַטש ווי פייער דעם שמעטערלינג
האָט עשוקע דערפאַר זיי האָלט.

אַלץ וואַקסט

.1

אַ ציבעלקע וואַקסט אויך געראָטן,
ווען עס האָט אַ באָדן אונטער זיך.
ווער רעדט, עס האָט נאָך זון און שאָטן
דאַן וואַקסט עס זייער שיין און גיך...

דאָס זעלביקע מיט אַלץ מסתמא —
אַ שוועמל, צי אַ בלימל אויך,
און דער מענטש, וואָס האָט נאָך אַ נשמה
דאַרף מער נאָך ווי אַ באָדן ווייך...

און האָבן האָט ער דערנער, שטיינער,
בוריאַן און קראָפּעווע אָן צאָל;
און פון אַן אַטמאָספערע אַ ריינער
חלומט ער שוין קוים צומאָל...

.2

קוים ביסטו פאַר די שיינקייטס-הויכן
לכתחילה נישט געבאָרן,
דאַרף דאָס עכטע צו דערגרייכן
נעמען דיר אַ וועלט מיט יאָרן.

צום אָפּגרונט בלויז און צו די זומפּן
קענסטו זייער לייכט דערלאַנגען,
און קוים חברסטו זיך מיט לומפּן —
דאַן ביסטו שוין אויף העלפט דערגאַנגען...

◆

אין די יקרות־טעג

איך זאָג אייך, יידן פראָסטע,
אַ „נאַש־בראַט״ האָט קיין פרייד.
אָט נעמט מיין באַלעבאָסטע,
זי, וואָס לעבן הייסט — פאַרשטייט.

זי טוט אין הויז קיין זאַך ניט,
ניט זי וואַשט, ניט זי פרעסט;
נאָר איין זאַך — זי שמאַכט ניט,
זי זויפט רק און זי פרעסט.

זי הויבט אָן פון דעם „סיריעל״,
מיט פאַרשיידן „סטייל אָף עגס״,
מיט בייגל גוט באַפּוטערט
און מיט פרישינקע געבעקס...

מיט „גרייפּ״־פרוכט און סאַלאַטן,
מיט קעזלעך אימפּאָרטירט;
און זאָל עס איר פאַרשאַטן
כאָטש איינמאָל, ווי ס'פּאַסירט.

צו מיטאָג איז זי מקריב
אַ קרבן גרויס און פעט:
אַ זייטל פון אַ רינדל,
ביי איר הייסט עס: קאַלבס־קאָטלעט.

אַ שיסל זופּ, אַ באָרשטל,
טריקנט פאַר איר בליק;
נאָר וואַרט צו אָקאָרשטל —
זי אַרבעט דאָך פון שטיק...

אַ העלדזול און אַ קנישל,
פון פליגעלע אַ צופּ;
אויך אַ געפּרעגלט פישל,
פון אַ אַ הינדעלע דעם פּופּ...

היינט צימעס און קאָמפּאָטן
און „האָלובצעס" מיט רייז.
איך זאָג אייך אַז פּאַר פּרעסן
איר קומען דאַרף אַ פּרייז...

אירע אַפּעטיטן זידן,
אין איר מויל קומט פּאַר אַ שלאַכט;
איך זאָג אייך, ליבע יידן,
עס איז ניט פּאַר אייך געדאַכט...

◆

הינטעלע, הינטעלע

הינטעלע, הינטעלע, ביל נישט צו שטאַרק:
ביסט נאָך אַ הינטל אַ קליינטשיקס, אַ סמאַרק.

לערן זיך בעסער פון גרעסערע הינט,
שפּיל זיך צומאָל מיט אַ שכנס אַ קינד.

שטעל זיך אויף הינטערשטע פיסלעך אוועק,
לערן זיך כאַפּן דיין אייגענעם עק.

שפּרינג אין קאָזשעלקע אַרויף און אַראָפּ,
צווישן די לאַפּקעס פאַרנורע דעם קאָפּ.

פאַרזשמורע די אויגעלעך, ווי אַ פרומינקע ציג,
און מאַכט זיך דיר — כאַפּ אויף אַ פעטינקע פליג.

נאָר האָב דרך־ארץ פאַר אַרבעט און מי;
אַז דו ביסט אַ הינטל, דאָס ווייסט מען סיי־ווי.

ביל זשע ניט צו שטאַרק, דו הינטעלע שיינס —
ביסט נאָך אַ הינטל אַ סמאַרקל אַ קליינס...

◆

איך קען זיי, די רוחות

בײ די שדים איז ווידער לוסטיק,
דער מזבח ברענט און ברענט;
דער רוצח נוצט אַקוסטיק
פֿאַר זײַן נייעם אַבאָנענט...

לאָזט זיך, ברידער, ניט פֿאַרפֿירן
פֿונעם טײַוולס נעץ און כּאָרן,
נוצט די אייגענע געהירן
און באַפֿעסטיקט דעם זכּרון!

איר הערט די כּלומרשט זיסע נאָטן
פֿון די בראַזגענדיקע כּלים;
דאָס פֿראַקטיצירט אויפֿסניי דער שטן
ווי צו אײַננעמען דעם עולם.

כאַראַקטער מיינט אפֿשר עקשנות,
צי עקשנות מיינט כאַראַקטער?
נאָר דער וואָס יאָגט זיך נאָך גדלנות
שפּילט אין לעבן אַן איין־אַקטער...

די צבֿועקישע זיטן,
איך פֿאַרשטיי זיי שוין גוט.
זיי ליבן, צעשניטן
זען יענעם ביז בלוט.

און נאָך דעם אַ קרעכץ טאָן
אויף יענעמס געביין
און זאָגן: דאָס שלעכטס טאָן
איז זייער ניט שיין.

זיי שפּריצן מיט שנאה
און האָס אומעטום,
און מאַכן אַ מינע
דערבײַ אַזוי פֿרום.

איך קען זיי די רוחות
וועלכע זינגען אַ לויב,
ווען צעבראָכן די לוחות
שוין ליגן אין שטויב.

◆

וואָס ווילן זיי?

אָרעמער מענטש, אפשר קאָנסטו מיר זאָגן:
וואָס ווילן די רעטער פון דיין אָרעמען לעבן?
וואָס האַלטן זיי שטענדיק נאָך דיר זיך אין יאָגן?
וואָס ווילן זיי, פעטער, דיר געבן?

זיי ווילן איך זאָל אויך פון פרייהייט געניסן,
זיי ווילן מיך מאַכן מיט לייטן צוגלייך...
מיר שפייזן מיט חכמה, מיט קונסט און מיט וויסן,
מיט איין וואָרט — מיט אַלץ וואָס איז פּרעכטיק און רייך.

— זאָג זשע מיר, אָרעמער ברודער, דו מיין:
ווי וועסטו עס פאַרדייען דאָס אַלץ מיט אַמאָל?
ווי וועט עס אין דיר האַק און פּאַק אַלץ אריין?
צי וועט ניט דיין פּראַק אויף דיר ווערן צו שמאָל?

— זאָרג זיך ניט, פריינד, ס'איז ווייט נאָך די צייט,
כאָטש דער ווילן איז דאָ און דער פּלאַן איז שוין גרייט.
— דערווייל געניסן פון פרייהייט די לייט,
וואָס קריגן דעם קרעדיט און צאָלן מיט רייד...

◆

דאָס מאָל — איך נעבעך

זי איז זייער עלעגאַנט,
שיין און מלא חן,
און ווי דער בראַסלעט אויף איר האַנט
פינקלען אירע ציין.

און קוקערס האָט זי צוויי,
וואָס מ׳זעט עס בלויז אין טרוים,
און אַ מויל, ווי איך פאַרשטיי,
נישט ערגער פון אַ פלוים...

אירע בעקלעך, האַלדז און נאָז,
איר שיין קאַפּריזנע ליפּ —
זיינען ראָז און נישט קיין ראָז,
ס׳איז קאָליר — „איך האָב דיך ליב״...

אירע האָר, ווי זשמוטעס זון,
שפּרייטן פון זיך ליכט;
נאָר וואָס האָב איך דערפון? —
איך ענדיק מיין געדיכט...

איך שילדער זי ניט מער,
כ׳וויל באַטאָנען בלויז איין זאַך:
איר לאַך קלינגט שווידער־לאַך,
ווייל זי לאַכט זיך אויס פון מיר...

◆

אין געפּעכט מיט דער שיינעם געשלעכט

די היינטיקע דאַמען — זיי שיינען און גלאַנצן,
ווען זיי קומען אַרויס פון דער שיינהייטס־פאַבריק;
מיט ליפּעלעך און נעזלעך געטאַקט — אַן אַנטיק.
מיט בעקלעך ווי „סאַן קיסט" רייפע פּאַמעראַנצן,

מיט האָר אויסגעקרייזלט ווי קאַראַקולנע קעפּלעך,
מיט ברעמען ווי פראַגן: — דו גלייכסט מיך צי ניט?
און נישטאָ מער קיין זכר פון היימישע צעפּלעך
און גלאַטע „פּריטשאַסקעס" מיט שרונט אין דער מיט.

און נעגל? — וואָס נעגל? דאָס זיינען רובינען —
צו פינף רובינען אויף יעטוועדער האַנט,
וואָס צעטראָגן פיל ריחות אין דער לופט, ווי זשאַסמינען,
און פאַרשיכורן דיכטער פון גאָר גרויס טאַלאַנט...

דאָך בין איך גאַנץ ניכטער, איך זע און איך טראַכט זיך:
וואו נעמט מען אַ היימישע פריילין, „ביי גאַד"?
אַ פּשוטע מיידל, וואָס חלומט און טראַכט זיך
פון אַ פּשוטן בחור, אַ ליבלינג, אַ כוואַט...

אָך מאָדע, דו מאָדע, דו האָסט זיך באַוויזן
מיט צו פיל קאַפּריזן, שפּאַנסט מיט גרויס מוט...
און כאָטש דו באַרוישסט מיך מיט געוואַגטע סורפּריזן,
דאָך ווערט מיר, צום טייוול, פון דיר שוין נישט גוט...

◆

אונדזער קליינע אימפעריע

(געווידמעט שרה מייזער, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָרין
פון נעשאָנאַל היי פּיווער אַסאָסיאיישאָן)

אַ וועלטעלע אַ שיינס איז אונדזער אייגענע אימפּעריע
וואָס ווערט פון אַ ליידי אָנגעפירט.
די ליידי איז אַ פיינע, דערצו נאָך אַ בריה,
וואָס פּאַסט צו זיין אונדזער ווירט.

זי שוועבט ווי אַ פויגל פון איין הויז צום צווייטן,
זי איז דאָ אומעטום, איבעראַל,
מיט טרייהייט און ליבשאַפט זי טוט אונדז באַגלייטן,
איר פרישקייט — אַן אייביקער קוואַל.

ווער איז אָט די ליידי? דאָס ווייסט איר וואַרשיינלעך,
איך דאַרף אייך ניט זאָגן געניו,
זי איז אונדז געטריי, זי איז צו אונדז פריינדלעך
און דאגהט פאַר יעדן אַזוי,

אַז יעדער פון אונדז זאָל אַמבעסטן געניסן
און זיין מיט אַלצדינג פאַרזאָרגט.
און ווען איך זאָג געניסן — דאָן מיין איך געניסן,
אויב ניסן — איז פאַרט קיין ניו־יאָרק!

איר מוח ווערט פול מיט זעלטענע פּלענער
און ווירקן ווירקט זי מאָמענטאַל,
אַז אַלצדינג זאָל זיין בעסער און שענער
פאַר יעדן באַזונדער און דעם כלל.

אָט ווייזט מען אַ מואווי, אַ פּאַרטי, אַ קאָנצערטל,
און אַלץ, ווי מען זאָגט, מיט איין שאָס.
און ווי נאָר די בעקערין פאַרקנעט אַ היימיש טערטל
קיצלט שוין אונדזער „העפּילען" די נאָז.

אַן אימפּעריע — קליין, ניט מער ווי פיר הייזער,
און יעטוועדע הויז אַן אַנטיק,
דער בעסטער אַנטיקל איז דאָך אונדזער שרה מייזער,
מיר ווינטשן איר פיל יאָרן און גליק.

◆

ראָמאַנטיש

אַך, מיין טייערינקע זשעני,
איך חלום נאָך פון דיר פיל מאָל!
און ווען ס׳שרייט אַ לופט־ראַיאָט סירענע,
דוכט מיר, כ׳הער דיין ליבן קול...

כ׳זע אויך דיינע אויגן בלויע,
ווי די אָפּלען שפּרינגען בליציק שנעל,
און אויב איך בין זיך נאָר ניט טועה,
ביסטו נאָך אַלץ אַ מאַדמואַזעל...

זוכסט נאָך אַלץ אַ וואווילן יינגל,
ס׳הייסט אַ לייט — נישט קיין פּאָעט;
ווינטשסט נאָך אַלץ אַ שווערן רינגל
מיט אַ שטיין ווי אַ קאָמעט...

נו, העלפט דיר גאָט, צוגלייך מיט אַלע,
וואָס זיינען שוין נאָך הרי את,
אַז דו זאָלסט ווערן כאָטש אַ כלה
פאַר אַ לייטישן סאָלדאַט...

◆

נישט אַלץ איז קודש

נישט אַלץ איז קודש וואָס ס׳איז מאָדיש,
כאָטש נייקייטן ווערט היינט באַגריסט;
ס׳איז אָפטמאָל קורצלעך נאָר, פּעריאָדיש
דאָס ווערק פון „גרויסן" מאָדערניסט.

ס׳איז פיל מאָל שענער, מער עסטעטיש
דאָס איינפאַכע וואָס ער פאַרזעט,
נאָר ס׳וויל דער קינסטלער זיין קאָקעטיש —
דאַן בלייבט ער טאַקע דער קאָקעט.

◆

מיין ווייב איז „אָקעי״, נאָר מיר איז אָך און וויי

מיין ווייבל ליבט זיידענע זאָקן
און פעלצלעך פון זעלטענעם „פאָר״;
און איך טו זיך מער אַלץ פאַרבראָקן
אין חובות — און קריג ווייסע האָר...

מיין ווייבל ליבט שווערע בראַסלעטן,
און טאַקע פון גאָלד אויך דערצו;
און איך טו זיך רק ביי איר בעטן:
טייערע, לאָז שוין צו־רו!...

לאָז מיך כאָטש אָפּ פאַר אַ מאָנאַט,
„אינטערמישאָן״ דערלויב מיר אַ וויילֿ...
נאָר זי קויפט אַ רינג ווי אַ „דאָנאַט״
און פאַרטרויט מיר — ס׳איז איצטער אין „סטייל״...

זי פרעדיקט מיר: זיי ניט קיין „סלעקער״
און זוכט מיר גלייך אויס אַ טשעק — בלאַנק,
און אוירינגלעך, צוויי, ווי צוויי גלעקער
שוין באַמבלען זיך אין איר געדאַנק...

◆

איך ליב דיך, מענטש

איך ליב דיך, מענטש, פאַר זיין באַשיידן,
ווייל שרייערס האָט די וועלט גענוג;
איז בעסער פיל מאָל נישט דעררעדן,
ווי סתם דורך רעדן ווערן קלוג...

איך ליב דיך אויך פאַר זיך אַנטציקן
פאַר יעדער בריאהלע וואָס לעבט.
ווייל פונקט ווי מיר, עס זוכט אויך גליקן
אין אַ וועלט פון טרוימען איינגעוועבט.

◆

פון טויזנט איינע

א ווייבעלע אַ שיינע,
אַ ליבלינג, קיין עין הרע,
פון טויזנט איז זי איינע
וואָס רעדט קיין לשון-הרע.

אַ באַלעבאָסטע אַ גוטע,
אין הויז קיין איינציק שטויבל;
און זי „ספּענט" ניט סתם קיין פּרוטה
ווי די שכנה, מיסעס אייבל...

און דער עיקר איז דער „מקור" —
זי איז פון פיינעם יחוס,
זי שפּילט ניט אין קיין פּאָוקער
ווי די מיסעס דיכעס...

און זי זיצט ניט אין סאַלונען,
ווי די חצופהלע שאַפּירע;
און אויך ניט ווי די גרינע,
וואָס „טשענדזשעט" רק איר דירה.

זי באַזוכט ניט קיין ביוטי פּאַרלאָר
ווי די אונטערשטע, די קראַוועץ,
ווי די אויבערשטע קראַסאַוועץ,
ווי די מיטלסטע מערי-זאַוועץ.

און בכלל איין מאַנסביל קלעקט איר,
זי איז נישט מקנא קיינעם;
פון וואַנען ווייסט מען, פרעגט איר?
— זי פּאַרטרויט עס אַלץ די שכנים...

דער מענטש פון היינט

זינדיק איז דער מענטש אינגאנצן,
און אזוי וועט ער שוין זיין;
אייביק וועט ער אזוי טאנצן
ביזן גרוב אריין.

אייביק וועט ער אזוי דולן,
רעדן שיין און טאָן פארקערט;
ווי איין לאנגע רעכענונג פון נולן
וועט עס אַלצדינג האָבן ס׳ווערט.

שאפן וועט ער מער אידייען,
לאָזונגען פאר „קאַמף ביז טריאומף",
פלאָדיען קראנקהאפטע פארטייען,
ווי שרצים אויפן גרונט פון זומפּ.

מאכן וועט ער קאָמפּראָמיסן,
פרינציפּ אַהער — פרינציפּ אַהין;
ווייל נאָכצופאָלגן דאָס געווויסן,
האָט שוין פּשוט מער קיין זין.

און אזוי וועט פראָגרעסירן
פרייער וואָרט און פרייער טאַט:
איבערפירן און פארפירן
און דערפירן ביז צום שמד.

◆

אינעם „שטעטעלע" ניו־יאָרק

כאָטש דאָס לעבן איז גאַנץ רעשיק,
אינעם שטעטעלע ניו־יאָרק,
גיי איך אום פאַרהויכט דעם דאַשיק
גאַנץ געמיטלעך, ווי אָן זאָרג.

און באַטראַכט זיך די יאַרידן
און די גאַסן און די מערק,
און די עוועניוס, וואָס זידן
ווי צעשפּילטע פייער־בערג...

און די קלובן, רעסטאָראַנען,
און די זאַלן, וואו מען טאַנצט;
און די אויבן־, אונטן־באַנען,
און דעם טורעם־שפּיץ, וואָס גלאַנצט.

און די הייזער — אַך, די הייזער!
כ'קוק און ברעך שיער מיין געניק —
וואונדער פאַרן גרעסטן רייזער,
וואָס רייזט די וועלט אום הין און קריק...

און די מיידלעך, און די פרויען,
מייסטערווערק פון מילך און בלוט,
און די קינדער, אַך, די קינדער,
אַלע, אַלע קלוג און „קיוט"!...

און די קינאָס, און די בינעס,
גאָט אַלמעכטיקער, איך גאַפ:
ווער קען דען זאָגן היינט מבינות,
אַז דיין מענטש איז נאָך אַן אַף?!...

דו פרעגסט

דו פרעגסט: פאַרוואָס איך גיי אַליין
און טרעט נישט קיינעם אָן,
און שאַרף נישט מיינע ציין
אויף יעטוועדן גראָביאַן?

פאַרוואָס אויך ליב איך אַזוי שטאַרק
דעם טייך, די צאַרטע וואַסער־בלום,
דעם גרינעם סטעפּ, דעם הויכן באַרג,
די ערד, דעם הימל און די זון?

— דערפאַר מיין פריינט, ווייל כ'זוך און פיל
דעם אמת — בלויז אין דעם,
וואָס שאַפט זיך שטענדיק אין דער שטיל,
און דאָך מיט גרוים פאַרנעם.

◆

קאַרטאָפל־סערענאַדע

„ליובאָוו ניע קאַרטאָשקאַ"
איז אַן אָפּגעזונגען ליד.
פאַרקערט — קאַרטאָפל איז קיין ליבע
און וואַרפט זיך ניט דערמיט...

זייט פאָרזיכטיק ביים שיילן,
באַהאַנדלט זי ניט גראָב,
ווייל אין אַלע אירע טיילן
ליגט דאָרט גוטס און האָב...

שאַנעוועט איר גופל,
איר ברוין קראָכמאַליעט העמד;
קעגן פרייז פון אַ קאַרטאָפל
שטייט אַ קאָשיק פרוכט פאַרשעמט..

◆

ווען וועטער — אַנטשולדיקט

דער ווינט שפּילט דזשעז אין מיינע אויערן,
דער ווינט, דער אַלט־באַקאַנטער לץ;
ער וויל אין היגן לאַנד ניט טרויערן,
ער לאָזט עס איבער פאַר די קעץ...

דער רעגן פּלייצט דאָ גראָד נישקשה,
ס׳הייסט צייטנווייז אַזש נאָכאַנאַנד...
נאָר ווען ער עס, ס׳איז יבשה
אויף יעדן טראָטואַר אין לאַנד.

שניי — אַ זעלטנהייט בנאמנות,
ווי צוקער אין דער אַלטער היים;
אַ פרעסטל — אויך נישט קיין סכנות,
ער קומט געהיים און פאַרשווינדט געהיים.

די היצן, זעט איר, זיינען וואַזשנע,
מיט זיי כ׳בין ניט קיין „פּאַני בראַט";
ווי די הייזער הויך עטאַזשנע
קלעטערן זיי גראָד נאָך גראָד...

און פרעגלען אוים אַ „סאַלאַמאַכע"
פון לייב און לעבן, פּיס און הענט,
און פאַר אַלע יאָר סעזאָנען שוואַכע,
זיי נעמען ראַבע מיט פּראָצענט...

דער ראַדיקאַלער קאַרוסעל

די זעלביקע מעשה, די זעלבע געשיכטע
חזרט זיך איבער, קיין האָר ניט פאַרפעלט;
עס גייען אום מענטשן, פּאָליטיש־געבריכטע,
און ווילן פאַרריכטן אונדזער אַלעמענס וועלט.

דאָס זעלביקע שטאַמלען, פון שטאַרקע באַגערן,
פון שטרייטן און קאַמפן, ענדגילטיקן זיג;
און שווערן אויפסניי ביי די הימלען און די שטערן
פונקט ווי מיט יאָרן צוריק.

דער מענטש, דער גענאַרטער, ער דרעמלט נאָך אונטער —
דאָך שאַפט ער זיך לאַנגזאַם אַ פעסטן באַגריף.
ער טראַכט זיך: מיין ליבינקע, כ׳ווייס אַז אַרונטער
גייט איצט אַלץ וואָס הערלעך און פּראָגרעסיוו.

דאָך ליבינקע שוואַכע, געבריכטע און פלאַכע,
וואוהין וועט איר פירן און וואָס איז דער ציל?
איר וועט פּרעדיקן ווידער די „אַרבייטער זאַכע"
און אויפלעבן ראַכע און שנאה־געפיל...

דעמאַגאָגיע

אין דער קונסט פון רעדן שטעקט די סיבה,
וואָס ווערט אונדז שפּעטער גאַנץ זעלטן קלאָר;
ווי דער שטייגער איז — מען פּרעדיקט ליבע,
אום צו באַווירקן יענעם נאַר.

אַליין איז מען פון אַלץ אַ פריייער,
קוים אָפּגערעדט איז אַלץ פאַרביי;
און שמייכלט מען אייך אָפט צושטייער,
ווערט עס געטאָן בלויז מיט אַ תנאי.

איר זאָלט געהאָרכזאַם זיין צום „לערער"
וואָס „פּעדלט" ווערטער גאָרניט קאַרג.
ער דאַרף אייך האָבן פאַר פאַרערער;
אָן אייך איז ער אַליין אין מאַרק...

מיט אייך האָט ער ווי אַ צעטל נעמען,
אויף „באַשטעטיקן" וואָס ער דערקלערט;
פיל פראַגן וויכטיקע, פּראָבלעמען,
כאַטש ער האָט די גאַנצע זאַך אין דר׳ערד.

די קומענדיקע וועלט

די ערד איז אַלץ נאָך האַלב-געבאַקן,
כאָטש זי באַקט זיך שוין אַ שיינע „פּאָר" יאָר.
און אירע העלדן אין די פראַקן
זיינען ווילד נאָך, ווי קאָזאַקן,
וואָס פּאַסן זיך צום מאַלפּעס-דור.

זיי האָבן די וועלט געשענדט,
דאָס שענסטע וויסט געמאַכט ביז שונד,
די אויגן אַלעמען פאַרבלענדט
און נאָך פיל שמד-שטיק אָנגעווענדט,
ביז מיר האָבן זיך דערפילט ביים גרונט.

וויפל דורות עס וועט פאַרשווינדן?
קיין דורות, גלייב איך, נישט קיין סך:
און מענטש מיט מענטש וועט זיך פאַרבינדן
ווי אין דער לערע פון תנ"ך.

◆

צי געדענקסטו?

צי געדענקסטו די צייטן, ווי עס פלעגן ביי לייטן
זיך האָדעווען לייטישע טעכטער?
מאַמעס און טעכטער פלעגן זעלטן ווען שטרייטן:
ווער איז מאָדערנער, גערעכטער? ...

צווישן טאַטעס און זין נישט געווען אַזאַ מין,
ווי ביטער און שאַרף זיך איבעררריידן.
דער טאַטע איז געווען דער העכסטער אין „טשין",
די מאַמע שוין קלענער, באַשיידן.

צי געדענקסטו? נו, יאָ, — יענע וועלט שוין ניטאָ...
דער היינט איז אַן אַנדער בעל דבר.
מאַך די אויגן צו, בענק נאָך יענער שעה,
פאַרטיף זיך אין ליכטיקן עבר...

◆

לערנער האָבן מיר

לערנער האָבן מיר אַ סך
פון אַלערליי טשיקאַווע פּלענער;
דאָך לערנט קיינער ניט דעם פאַך —
ווי צו מאַכן ס'לעבן עטוואָס שענער.

דער דייטש איז „סופער" צו מעשים-רעים,
ער איז אַזוי פון אייביק אָן;
דעריבער זאָגט מיר ס'האַרץ: געטרוי אים,
ווען ער ליגט ניין איילן טיף אין „זאָן"...

אַ מתנה גיט אונדז אָפט דאָס לעבן,
ווען מיר טראַכטן פיל און פילן שטאַרק;
מיר דערוויסן זיך ווי נעמען, געבן,
און אַז נישט יעדעם פישל איז אַ „שאַרק"...

◆

ערשטער מאַי

ווער פון אונדז איז באָרוועס,
דאָך קיינער עלנד בלאָס;
מיר שטראָמען פון די חורבות
מיט לידער איבער גאַס.

ווי פרישער טוי אויף גראָזן
פאַלט פרוכטבאַר אונדזער וואָרט;
עס הילכט איין שטאַרקער לאָזונג:
דאָס גוטס און האָב גיב אָפּ!

אין ים פון פרייהייט-פאָנען
שטייט איינגעהילט די שטאָט,
פלאַקאַטן אונדז דערמאָנען
ווי רויט ס'איז אונדזער בלוט.

צום קלאַנג פונעם אָרקעסטער,
אַנטשיידן ביז צום ענד,
אונדזער טראָט ווערט ריטמיש פעסטער
און רולאַז ווערן הענט.

◆

אַ טיפּ אַזאַ

ער יאָגט זיך נאָך אַלערליי קליידלעך,
ער קלייבט זיי ניט איבער. צו וואָס?
ער ליבט אויך באַהויזנטע מיידלעך —
און ליבט זיי מיט שוואונג און פּאַטאָס.

אין דער קונסט זיך דערקלערן אין ליבע
איז ער שוין פון לאַנג אָן אַ כוואַט;
ער ממזרט עס אָפּ ווי אַ לידל,
אַז ס׳פעלט בלויז צום גראַם „הרי את״...

ער בעט זיך, מען זאָל אים אַלץ גלויבן,
אָפּט מיטלייד אויך האָבן מיט אים;
ס׳הייסט, זיי זאָלן צומאָל אים דערלויבן
צו ווערן מיט זיי מער אינטים...

דאָך, ווען ס׳האַלט זיך שוין אַלץ ביים „קאָמפּליטן״,
ס׳הייסט, זיך טאָן על פּי דין אַ פאַרבינד;
באַווייזט ער די קונסט פון גענייטן —
ער גליטשט זיך אַרוים און פאַרשווינדט...

◆

שלום

מאַכן וועל איך מיט דיר שלום,
וועלטל מיינע, כ׳מיין עס וואָר:
זאָל דער קריג, ווי בייזער חלום,
גיין צו אַלדי בייזע יאָר!

כ׳וועל מיט דיר זיך מער ניט קריגן,
כ׳וועל שוין נעמען אַלץ פאַר ליב;
ווען ניט ווען בלויז זיך אַ ניגון
וועל איך זינגען שטיל און טריב.

ס׳וועט שוין מער אין מיינע פערזן
אויך נישט ברויזן דער בונטאַר;
מיט אַ ווייכן קלאַנג פון טערזן
וועל איך אויסשפּילן מיין צער.

◆

דעם פֿאַלשנס נעצן־שטריק

כ׳באַווייז נישט קיין בקיאות
און ווייס נישט וואָס וועט זיין;
איך זאָג ניט קיין נביאות
סתם אין דער וועלט אַריין.

נאָר אין איין זאַך בין איך זיכער
און גלייב אין דעם געוויס:
דעם הונף און דעם קריכער
וועט מען אונטערהאַקן פיס...

ס׳וועט די צוקונפט מער נישט דולדן
אָט די שרצים אַלערליי;
דער מענטש וועט מער די שולדן
נישט טראָגן פון כל־בו...

די מאַסקעס פון געזיכטער,
דעם פֿאַלשנס נעצן־שטריק,
וועט דער צוקונפטיקער ריכטער
דערקענען אין אַן אויגנבליק.

◆

דאָס הייליקסטע צעטראָטן

דאָס הייליקסטע צעטראָטן,
פֿאַרוואָכעדיקט איז אַלץ אַצינד.
איצט פֿאַרפֿאָלגט חרטה, ווי אַ שטן,
מיך נאָך אויף יעדן טראָט:
— האָסט דיין לעבן זעלבסט געמאַכט צו שפּאָט;
איצט קלייב די פּרוכט פון דיינע זינד.

איך הער אויף אָפּט אין זיך ווי ס׳יאָמערט,
ווי דאָס ריין געוויסן שרייט אין מיר.
כ׳דערוואַך און זאָג זיך: טאָמער, טאָמער,
וועל איך נאָך ווערן ריין ווי פריער?

נאָר ווי ס׳לייזט זיך אויף אַ פונק אין חושך
פֿאַרלעשט דער ווילן זיך אויפסניי.
אַז כ׳בין איצט שוואַך און מיאוס, ווייס איך;
דאָך בעט איך קיינעם ניט — פֿאַרציי.

שאַטנס קומען, שאַטנס גייען

שאַטנס קומען, שאַטנס גייען,
פון שאַטנס גרינדן זיך פּאַרטייען.
איינס פּאַרוויגט אונדז „איי־ליו־ליו",
די צווייטע לאָזן נישט צו־רו.

ווער וועט אונדז דעם וועג באַווייזן?
די, וואָס זינגען „איי־ליו־ליו",
צי די, וואָס מאַכן „ריזן"־שפּרייזן
און גרייכן קיינמאָל ערגעץ וואו?

ווער וועט כאָטש צום וועג דערפירן,
נאָך אַזויפיל יאָרן פּוסטע רייד?
צווישן מיש־מאַש פון קאָלירן —
ווי אָרוים וועט ריינע רויט?...

שאַטנס קומען, שאַטנס גייען,
ס'רירט פּראָגרעס זיך ניט פון אָרט;
ס'וויסן שאַטנס נישט פון ווייען.
שאַפן זיי דעם ברודער־מאָרד.

◆

ערב וועלט־מלחמה נומער דריי

אָ, די חוצפה קריכט אַלץ טיפער
אין אונדזער לעבנס רוקן־ביין;
וואו אַ שדל, אַ „לוציפער"
שטעקט אין אים די זשעדנע ציין.

וואו אַן אויסוואורף איז זיך מטריח,
וויל אַ פירער זיין אַצינד;
שפּאַלט דאָס האַרץ און סמט דעם מח
פון זיין אייגן פאָלקס־געזינד.